STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02842

ERTSEHLUNGEN UN BILDER

Isaac Meir Weissenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מ. ווייסענבערג.

ערצעהלונגען און בילדער.

פערלאג

א. גיטלינ'ס פאלקס-ביבליאטעק.

ווארשוי.

תרע"ב.

1912.

Тип. Б. Турше, Варшава, Св. Георгія 34.

אינהאַלט:

I	חתונה מאַכען	5 — 14
II	א שרפה	17 — 23
III	די שענע גיטעל	27 — 25
IV	ועלנער	39 — 44
V	א יונגע אלמנה	47 — 58
VI	דער קיטעל	61 — 63
VII	גישט בעשערט	67 — 77
VIII	דריי שוועסטערלעך	81 — 92
IX	איינגעשרומפען	95 — 100
X	פייגעלע	103 — 705
XI	אין עולם התהו	109 — 115
XII	אָבגעשטייסען	119 — 130
XIII	אין ערוואַרטונג	133 — 154
XIV	ליעדער	155 — 160

חתונה מאַכען.

(ערצעהלונג).

דער ליעבער שבת איז שוין באַלד אַוועק, אַ שעה אינגאַנצען צו זון זעצען, נאָר שרה׳לע זיצט נאָך מיט איהר מוטער אויפ׳ן באַלקאָן ביים אָפענעם טייטש־חומש. די מוטער, אַ יודענע, וואָס טראָגט אַ הוט, נישט קיין איבעריג גרויסע קענערקע, אַז עס קומט שבת צום טייטש־חומש, זעצט זי זיך נישט אָהן שרה׳לען. נאָר היינטיגען שבת האָט זיך שרה׳לע עפּיס געפּעשטשעט, פּונקט ווי אַ קינד. דער קאָפּ — האָט זי געזאָגט — טהוט איהר אַ ביסעל וועה. און שוין טאַקע אַ צייט, ווי מיט איהר איז עפּיס נישט אַזוי גלאַטיג. שטענדיג שטעהט איהר פאַר די אויגען עפּיס אַ ברונעטע געשטאַלט מיט אַ קליין, שוואַרץ שפּאַנקעלע אויף דער געמבע, מיט גליסטיג לאַכענדיגע אויגען, און דאָס גיט שרה׳לען קיין רוה נישט. אויך דאָ, ביי דעם טייטש־חומש זיצענדיג, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ער קוקט אַרוים פון צווישען די שורות׳לעך, און זי האָט נערוועז אָבגעריסען:

— מאַמעשי, איך קאָן נישט!

— וואָס קאָנסטו נישט?

— לייענען, איך בין עפּיס נישט געזונד.

די מוטער בלאָזט איהר אָב:

— נישקשה, נישקשה, שרה'לע... איידער דו ווערסט אַ כלה ווערען, וועט זיך דיר אויסהיילען...

— לאָמיך שוין די מאַמעשי לאָזען צו-רוה, אַ ליאַדרע וואָס, נאָר מיט'ן כלה ווערען...

— נו. וואָס-זשע איז, טאָכטערשי, נו, וואָס זאָג איך דאָ?... וואָס דען, דו וועסט נישט קיין כלה ווערען?

— אָבער פאַרוואָס זאָל די מאַמעשי האָבען אַזאַ טבע, אַז איך שמועס פון נישט-געזונד, שמועסט מיר די מאַמעשי פון אַ כלה ווערען.

— איך זעה נישט, חלילה, אַז עס זאָל דיר עפּים זיין. די בעקעלעך זענען, קיין עין-הרע, שען.

— נו, זענען זיי!

עס געהט אַוועק אַ לענגערע פויזע.

— זאָג נאָר, מאַמעשי, דו ביזט אויך געווען אַמאָל שען?

— צי איך בין אויך געווען אַמאָל שען?...— קוקט זי די מוטער אָן פערוואונדערט, אַזאַ שטייגער, ווי „דו ווערסט ערשט געוואָהר?"...— ווי הייסט, צי איך בין אויך געווען אַמאָל שען?...

און פערטראַכטענדיג זיך מיט אַ ווייט פערבלאָנדזשעטען שמייכעל אויף די ליפּען וועגען אַמאָל, ווי איהר מאַן איז איינמאָל באַלד נאָך דער חתונה צוגעשפּרונגען צו איהר הינטערווייל עכם און אַריינגעכאַפּט איהר דאָס לעפּעל פון רעכטען אויער צווישען די ציינען, ווי אַ משוגע'נער...— מאַכט זי צו שרה'לען:

— וואָס דען מיינסטו... דיין מאַמע איז נישט געווען קיין שענע?...

— נו פאַרוואָס-זשע האָסטו חתונה געהאַט מיט דעם טאַטען?...

— ווי הייסט!... נו, דער טאַטע איז דאָך געווען מיין חתן?...

— פוי, — מאַכט שרה'לע — אַזאַ חתן!...

— שרה'לע... — קוקט זי די מאַמע אָן מיט אַ כלומר'שטער אונרוהיגקייט אין פּנים — אויף אַ טאַטען?...

— ניין, נישט אויף קיין טאַטען זאָג איך, נאָר אויף אַזאַ חתן...

— נו, און דער חתן איז דאָך שפּעטער געוואָרען דיין טאַטע!...

— יאָ, פֿאַר אַ טאַטעשי איז ער גוט — איז שרה'לע מסכים — נאָר פֿאַר אַ חתן טויג ער נישט...

— נו, טויג ער נישט — מאַכט די מאַמע בעליידיגט — ס'אַנדערע, ער איז דאָך שוין אַ טאַטע, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און דאַרף דאָך שוין קיין חתן נישט ווערען...

— נו, דערפֿאַר זאָג איך דאָך... — זאָגט שרה'לע, און אין געדאַנק טראַכט זי זיך: „חאַ, חאַ, אַ שענער חתן”...

און אַז זי נעהמט נאָך פֿערגלייכען דעם טאַטען'ס געשטאַלט מיט יענעמ'ס, וואָס האָט צו איהר אַרויסגעקוקט פֿון צווישען די שורות'לעך, שטיקט זי זיך אין די געדאַנקען פֿאַר געלעכטער: חי, חי, חי...

— וואָס לאַכסטו עפּיס, משוגע'נע? — פֿרעגט די מוטער.

— פֿאַרוואָס גיסטו דעם טאַטען צו זופּען יויך אין אַזאַ טיעפֿער וואַזע?...

— נו, וואָס איז?...

— גאָרנישט... — מאַכט שרה'לע, און פֿאָרשטעלענדיג זיך ווי דער טאַטע שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס צוויי אויסגעוויקטע וואָנסעס, אַראָבלאָזענדיג זיך נורקום מיט'ן מויל נאָכ'ן לעצטען בּיסעל יויך — פּלאַצט זי אויס אין אַ גרויס געלעכטער.

— געה, משוגע'נער קאָפּ, ווער קאָן מיט דיר טענה'ן! — ווערט די מוטער בייז.

ווען די מאַמעשי פֿערמאַכט דעם היילינען טייטש-חומש, וואָס האָט שוין אָבגעדיענט זיין שטיקעל צייט, ס'הייסט די צייט פֿון שמועסען, און פֿון די אַנטקעגען-איבּערדיגע מויערן פֿלאַמען שוין די שויבען פֿאַר דער אונטערגעהענדער זון — קומט ר' יצחק שטיינהאָלץ, דער סאַמע בעל-הבית, אַהיים מקיים זיין שלש סעודות.

ער צוזעצט זיך ברייטליך ביים טיש, ווי עס קומט ביי א מצוה מקום זיין. דערביי צווינגט ער זיך גאנץ שען, מיט א גראב, רייסענדיג קול, ממש ווי א קאנאריק. ער פערגעסט נישט אונטערצוהאלטען זיך מיט איין האנד ביי א זייט באק, חזנ'יש-מעסיג, דאס פנים צו פערדרייסען, אזוי אז איין שפיץ בארד, ביי וועלכער זייט ער האלט אונטער מיט דער האנד, קומט אוים כמעט איינגאנצען איבערגעקעהרט מיט די הינטערשטע פעדערן ארויף און פון הינטער דארט זעהט זיך ערשט דאס כלי'כעל זיינם, דאס זיסע העלזעלע, וואס ער ענטפלעקט פאר דער גאנצער שטוב, מיינענדיג, אז אזוי איז רעכט שען און מייסטערהאפט צו זינגען.

נאר דעמאלט שמייכעלט שרה'לע, קוקענדיג אויף איהם, און טראכט, אז איהר חתן וועט אנדערש זינגען... ער וועט זינגען נישט מיט „א פעררוסענעם גארגעל" און אויך נישט קיין „אתקינו סעודתא", ווי דער טאטע זינגט, נאר עפים אנדערש, גאר עפים אנדערש... אט א שטייגער ווי די ווערטער: „אך, האלינא, אך, האלינא! דזשעווטשינא מאיא!"... — גיט זי א זונג ארוים מיט אנ'איידעל דורכדרינגענד מיידעלש קול'כעל, אז דער טאטע, ר' יצחק שטיינהאלץ, גיט אזש א שפרונג-אויף פון ארט נבהל ונשתומם.

— הא, וואס איז דאס פאר א געזאנג, שיקסע דו איינע!...

— דאס איז דאך נישט גאר נישט, — שרייט שרה'לע, אליין אויך דערשראקען פאר זיך זעלבסט — דאס איז דאך פון דער אפערע „האלקא"...

— הא, וואס פאר אנ'אפערע האלקא?... — שרייט דער פאטער נאך מעהר צומישט — דאס איז עפים אזא מין נייער אויפטהו פון א גרויסען רבי'ן, פון א גרויסען גוטען יוד?...

— נו, וואס ווילסטו, משוגע'נער... וואס האסטו דיך שוין צושריען, — רופט זיך די מאמע אויך אן — זי איז דאך געלערנט... נו, וואס-זשע איז. א קינד זינגט נאך א שטיקעל?...

— אבער נישט בשעת איך... — האט ער געוואלט זא-

גען: לויב גאָט, נאָר ער האָט זיך צוריקגעחאַפּט און געזאָגט — איך... זינג...

— אַ, אין דעם געהט עס דיר...— מאַכט די מאַמע — בשעת דו זינגסט?... מען שטערט דיר דיין גילדען קול'כעל?... נו. שרה'לע — ווענדט זי זיך צו איהר מיט אַ כלומר'שטער שטרענגקייט — בשעת דער טאַטע זינגט, זאָלסטו שוין באַדיי שטום ווערען, דו הערסט? דו זאָלסט שוין באַדיי, חלילה, אינגאַנצען פון דער וועלט אומקומען, אַבי איהם נישט קאַליע צו מאַכען...

ר' יצחק שטיינהאָלץ ציהט אָב דעם אָטעם, זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט און זינגט ווייטער.

— „וואָס פאַר אַ בייזער... — טראַכט שרה'לע שוין ביי זיך אין האַרץ, מיט אַ טיעפען פערדרוס וואַרפענדיג אויף איהם אַלע ווײַלע אַ בליק פון הינטער די טונקעל־פערחמאַרעטע ברעמען אַפּער — פאַר זיין „גאָרגעל", בשעת ער זינגט, וואָלט ער געוואָלט, אַז די גאַנצע שטוב זאָל אויסשטאַרבען"...

און איהר דאַכט זיך, אַז פאַר צו־להכעים וועט זי באַלד אַוועק מיט „יענעם" אין אַ פרעמדער שטאָדט, אויך אין אַ גרויסער... און אָט זעהט זי, ווי זי איז שוין מיט אַ מאַן, און אַ ווייטקייט, אַ גרויסע ווייטקייט טיילט זי אָב פון איהר איצטיגער היים... דאָרט, ערגיץ ווייט, וועט זי זיך פיהלען גאָר אַנדערש, זיכערער און פרייער. זי זעהט, ווי זי זיצט הינטער אַ בופעט אין אַ שענעם ליכטיגען רעסטאָראַן מיט קריסטאָלענע זשיראַנדאָלען. עס שפּיעלט אַ גאַנץ אָרקעסטער, די קעלנערס, בעדיענער לויפען אַרום ווי פער'סמ'ט, און דער מאַן אין גאָלען קאָפּ, אין אַ וויים מאַרינאַרקעלע מיט אַ ווייס פאַרטוך שטעהט אַליין ביי דעם בופעט, וואו עס וואַרימען זיך אַלערליי „סאַרדעלען". יאָ, טאַקע „סאַרדעלען" דעם טאַטען אויף צו־להכעים... און אַנ'אַנגענעהמליכער ריח און אַנ'אַנגענעהם נערוויש און געפּלוידעריי פון די געסט פילט־אָן דעם גאַנצען זאַל... שפּעט ביינאַכט וועט זי מיט איהר מאַן אַרויסנעהמען דעם טיש־לעדיל געלד, אַריינשיטען עס צו זיך אין פאַרטוך און, געבענדיג אַ זיטיגען זאָג צו

די דינער: „פערמאַכט", — וועט זי נעהמען איהר מאַן געאַרימט צום אַהיים געהן, וואו עס וועט שוין אויף זי וואַרטען אַ פיינע געזעלשאַפט פון בלויז אינטעליגענטע קריסטען, דאַמען, בלויז הויז־פריינד, און מען וועט זיך זעצען צום טיש פרעהליך מאַכען, ביז שפּעט, גאָר שפּעט אין דער נאַכט...

אַזוי פערענדיגט שרה'לע איהרע געדאַנקען, און ר' יצחק שטיינהאָלץ — פּונקט אויך זיין „אתקינו תעודתא".

ער הייסט זיך דערלאַנגען אַ ביסעל וואַסער צום בענשען, אַ פרישׁ זמר'ל פערקלינגט די שטוב ביים שיר המעלות, און דערביי קאָן ער זיך גאָרנישט גענוג אָבוואונדערן אויף דעם טיפען ענין, וואָס ליעגט אין די ווערטער: הזורעים בדמעה ברינה יקצורו...

שפּעט ביי־נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע שלאָפען אין בעזונדערן חדר, איז שוין שרה'לע נייגיריג צו וויסען, ווי אַזוי זי וועט אויסזעהן נאָך דער חתונה.

מיט אַ לייכטען ציטער, וואָס קומט פון אַ מיידילש פערשלאָסען האַרץ, ווען אַ האַסטיגע בעגערשאַפט קומט עס אָן — שפּרינגט זי פון בעטעל אַראָב. זי שטעהט די ערשטע רגע אַ ביסעל ווי צומישט, קוקענדיג אויף דעם שליסעל־לאָך פון דער טהיר, צי הערט מען דאָרט נישט און, חאַפּענדיג דעם קאַרטונענעם פאָרהאַנג וואָס צוימט־אָב די קיך פון'ם איינגאַנגס־צימער, גיט זי געשווינד אַ פערהענג איהר בעטעל אַרום און אַרום, אַז עס זאָל זיך קיין שפּעלטעלע נישט אַרויסזעהן. זי בלייבט שטעהן, בעטראַכט איהר אַרבייט, און מיט דערזועלבער צוטראָגענקייט פּרובט זי זיך פאָרשטעלען, ווי דאָרט, הינטער דעם פאָרהאַנג, ליעגט שרה'לע און זי איז עס דער מאַן. זי וואַרפט אַ בליק אין שפּיגעל און דערזעהט בשעת עס גיט זיך איהר טאַליע אַ בויג־אויס אין אַ טיפען קאַרב — אַז זי זעהט גאָר ווי קיין מאַן נישט אויס, צופיעל מיידלעריש... חאַפּט זי אַרויס אַ גרין און לאַנג שמאָל שטיק טוך פון קאַסטען, וואָס איז געלעגען אָנגע־

גרייט, אלס א טעפיך צו דער פאדלאגע, און וויקעלט זיך דער־
מיט ארום, פריהער איין פוס, פון הינטען ביז ארויף צו דער
טאליע, דערנאך דעם צווייטען, ביז אראב הינטען, און פער־
שפילעט און פערשטעקט, בלייבענדיג שטעהן אין א פאר גע־
פאסטע הייזלעך. א צופריעדענע חאפט זי ערשט נאך דעם טא־
טען'ס א רויטע פאטשיילע, פון וואס זי בינדט זיך אויס א טער־
קיש מיצעל אויפ'ן קאפ, דערנאך דער מאמעס אנ'אלט קאפ־
טעל, וואס איז אויף שרה'לען ברייט און הענגט אראב, ווי א
מארינארקע, און, בעטראכטענדיג זיך פריהער אין שפיגעל,
דערנאך ווענדענדיג זיך צו דעם פארהאנג, בלייבט זי שטעהן
מיט אנ'אויסגעשטרעקטער, גלייכער פיגור און אנגעשטרענגטער
ברוסט:

— שרה'לע?...

און, אבציהענדיג דעם אטעם, ווי זי וואלט געווארט אויף
ענטפער, שארצט זי עטוואס אויף דעם פארהאנג.

— יא... יא...

איהר פיסעל האט שוין געהאט א צוק געטהאן אין דער
הויך, נאר א שפרונג ארונטער צו געבען הינטער'ן פארהאנג אין
בעטעל אריין, ווי די טהיר פון שלאף־צימער האט זיך פלוצ־
לונג געגעבען א פראל־אויף און דער פאטער איז אריין, נישט
טויט און נישט לעבעדיג:

— הא, וואס טהוט זיך דאס!...

שרה'לע האט זיך דערשראקען, נאר באלד אין אויגענ־
בליק געגעבען פון זיך א שאקעל אב אלץ, אין וואס זי איז
געגאנגען, און דער פאטער האט זיך ערשט צושריען:

— איך האב דאך געמיינט, אז גנבים, רויבער זענען
מיין שטוב בעפאלען מיט מעסערס אין די הענד... גוואלד,
וואס טהוט זיך דאס?

— שא, שא...— איז די מוטער אויך געקומען נאכ־
צולויפען פון שלאף־צימער ווי א צומישטע, און אלע דריי זענען
געשטאנען נאקעטערהייד און זיך אנגעקוקט...

— זעה נאר,— האט דער פאטער פערבראכען מיט די

הענד-איך האָב זי דאָך נישט דערקענט, זי האָט זיך דאָך אָנ-געטהאָן, ווי אַ משלחת, ווי אַ גרעק...

— נו, שוין נו... — האָט די מוטער געזאָגט — אַ נאַ-ריש קינד, האָט זי זיך אָנגעטהון ווי אַ גרעק...

דער פאָטער האָט אויף איהר אַ בּייזען קוק געטהאָן פאַר-וואָס זי פערענטפערט זי נאָך, האָט געמאַכט אַ גרויסען, שווע-רען שפּרייז צום פאָרהאַנג און עס אַראָבּגעריסען.

שרה'לע האָט זיך איינגעקאָרטשעט. זי קען שוין דעם טאַ-טען, ווען עס האַלט בּיי ערב-שלאָגען... דעמאָלט טהוט ער אַ פּאָך מיט די נאָזלעכער...

די מוטער האָט אויך פערשטאַנען די ערנסטקייט פון מאָמענט, ווען זי האָט געזעהן, אַז די אויגען גלאַנצען שוין בּיי איהם, און זי האָט זיך אַריינגעמישט.

— דו, גזלן איינער!... — האָט זי אויסגעשריען — אַ קינד האָט זיך נאַריש געמאַכט, קומט איהר אויפצוהענגען?...

— זאָלסט הענגען און הענגען, די חאָלערע זאָל דיך טרעפען...

און נאָך געבּענדיג אַ שפּיי אָב און אַ לעצטען שאַרפען גלאַנץ מיט די אויגען, איז ער אַנטלאָפען צוריק אין שלאָף-צי-מער, פערהאַקענדיג די טהיר נאָך זיך.

— נו, הא?... ס'איז כדאי, מויד?... — שאָקעלט די מאַמע איבּער שרה'לען צו מיט'ן קאָפּ — האָסט געזעהן אין וואָס פאַר אַ רציחה ער איז געווען... ווער איז מיר, וועה איז מיר, — האָט זי זיך גענומען בּעקלאָגען, שוין מעהר צו זיך אַליין, ווי צו שרה'לען — ער איז דאָך געווען קאַפּאַבּעל דאָס קינד מיר צו טויטען אויפ'ן אָרט...

זי איז נאָך געשטאַנען אַ קליינע חילע, נאָך אַ קליין זיפ-צעלע געטהאָן, דערנאָך איז זי אויך אַוועק שלאָפען.

שרה'לע זעהט שוין ערשט, וואָס פאַר אַ געפעהרליכער מענש דער טאַטע איז, און זי האָט איהם פיינט, ווי אַ שפּין, אַ מערכה די מאַמע... — טראַכט זי זיך שטילעטשקערהייר ליגענדיג זיך שוין אין בּעטעל.

דערפאר, די צווייטע וואך, אז זי געהט מיט דער מא־מעשי אין טעאטער, אויסגעפוצט אין די שבת׳דיגע קליידער, מיט די היט אויף די קעפ, און דער טאטע בלייבט אין געוועלב — היט זיך שרה׳לע נישט פאר דער מוטער און ווייזט איהר, אז זי האט טאקע א בעקאנטען גרעק, וואס האט דאס געוועלב אין חיים מיהלשטיינ׳ס הויז — און זאל זיין טאקע ווי דער טאטע זאגט: א גרעק, א משלחת, איהם אויף צו־להכעים...

זי האט דער מוטער געוויזען, מיט וואס פאר א כבוד דער גרעק נעהמט זי אויף, און אז ער זיצט דא אלע מאל און ווארט זי אב אט אין דער לאזשע...

די מוטער האט בעוואונדערט זיין שווארץ־חנ׳עוודיג גע־זיכט, זיינע שווארצע אויגען און שווארץ שפאנקעלע, און חאטש די נאז איז איהם א ביסעל צו־לאנג, ווי א גריכישע, אבער אצינד, ווען ער געהט נישט אין רויטען מיצעל, נאר אין עלעגאנטע קליידער, זעהט ער גאנץ עלעגאנט אוים, און זי האט געבעטען דאס טאכטעריל, אז זי זאל איהר אויך פארשטעלען...

— נאר דו זאלסט ניט פלוידערן אין דער־היים... האט זי איהר אנגעזאגט — דער טאטע איז פון דער אלטער וועלט און ווייסט נישט פון אזוינע זאכען...

אין דערזעלבער נאכט האט שרה׳לע, אהיים קומענדיג מיט דער מוטער פון טעאטער און אויסטהוענדיג זיך די שבת׳דיגע קליידער — פאר זיך אליין נאך איבערגעזונגען א סך ליעדלעך.

עפיס איז איהר אויפ׳ן הארץ פרעהליך און פרייער געווארען. אפילו יענע פרעמדע ווייטקייט, וועלכע זי האט נאך ערשט מיט עטליכע טעג צוריק געשפירט, ווי זי טיילט איהר אב אזוי ווייט פון דער־היים — איז ערשט עפיס מיט איהר היים ווי נעהנטער געווארען... פאר דער מאמען וועט זי שוין נישט דארפען גנב׳ע־נען... נאר פאר׳ן טאטען? — נישקשה, עס וועט קומען א נאכט, ווען ער וועט שלאפען אזוי הארט אט ווי אצינד...

דער פאטער חאפט זיך אויף, פרעגט איבער עפיס אונ־

טער דער נאָז, ווי פון שלאָף אַרויס, ער איז בייז, ער זידעלט: „טעאַטער, שמאַטער“... דערהויפּט אויף דאָס כלה־מיידעל, וואָס זי שלעפּט זיך אַרום אַזוי שפּעט ביי־נאַכט, און ווען דאָס ווייב קומט אַריין צו איהם אין שלאָף־צימער, מאַכט ער מיט איהר אַ שמועס:

— הער נאָר, מייטעל, ווי זאָגסטו, אפשר וועלען מיר זי גאָר חתונה מאַכען?...

— וואָס, ווען, ווען, וועמען? — קוקט איהם דאָס ווייב אָן, ווי אַ משוגע'נעם.

— דאָס קינד, דאָס קינד דיינס... מיין איך...

— אַ שוואַרצער חלום, אַ וויסטער חלום... וואָס איז דיר עפּיס איינגעפאַלען אַצינד, נאָך האַלבע נאַכט?... זאָג מיר, יצחק, האָסט חלילה עפּיס געזעהן שלעכטס פונ'ם קינד, האַ?

— ניין גאָרנישט... גלאַט אַזוי...

— נו, טאָ שלאָף־זשע אין געהאַקטע וואונדען! — בענשט איהם דאָס ווייב, און פון הינטער'ן שליסעל־לאָך פון הינטער דער טהיר שניידט זיך אַריין אַ געשטיקט, נאָר ווי אַ האַסטיגער אָנקום פון אַ שטראָם־פלייצענדיג געלעכטעריל פון שרה'לען: חי, חי, חי...

א שרפה.

אַ שׂרפה.

(אַ בילד).

ביי־טאָג איז אַ גוי געשטאַנען הינטער'ן וואַלד מיט זיין איינציג קיהעלע, (היינט, זונטאָג, טרייבט עס נישט דער פּאַסטוך אין פעלד אריין מיט דער סטאַדע). איז ער געשטאַנען איינער אליין אויף דער וואַל־ערד איבער'ן גראָבען, וואָס שיידט אָב דעם פּריץ'ס וואַלד פון די פויערשע שטיקלעך גרינע לאַנקעס, און האָט געקוקט אין וויטען האָריזאָנט, אין דער זייט, וואו דאָס שטעדטיל ליעגט. שוין אַ האַלבע שעה צייט, אז ער האָט געהערט קלינגען, אזא פערזונקען, אימה'דיגען קלאַנג, וואָס איז געקומען פון גאַנץ וויים, און ער קאָן זיך נישט דערווימען, וואָס דאָרט ערגיץ איז געשעהן. די שפּיצען בוימער פון וואַלד זענען געשטאַנען פערגאַפט, און דאָסזעלבע דער פויער, מיט אויפגעהאַנגענע אויגען אין דער לופט. טיילמאָל האָבען זיינע בליקען מיט אַ נישט־ניחא'קייט אַ בלאָנדזע געטהאָן אין דער אַרומיגער וויטקייט, נאָר באַלד איז זיין געזיכט צוריק געבליבען פערגליווערט, ווי די דאָזיגע שטילקייט פון אַרום און, אַראָבלאָזענדיג די אויגען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיין קיהעלע.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט זיך בעוויזען נאָך אַ פויער מיט אַ האַק אין דער האַנד, מיט בלויזע העמד־אַרבעל. זונטאָג האָט

ער אויך צייט און פערברענגט דא נאכ'ן אנבייסען עטליכע שעה ביי זיין יונג שטיקעל וועלדעל, וואס וואקסט אויף זיין גרעניץ, און רייניגט דערפון אוים די אויסגעקרימטע און צו־פיעל געדיכטע בוימלעך, כדי די גלייכע זאלען שענער און גרוימער וואקסען.

— וואס הערט זיך דארט אין שטאדט? — האט דער ערשטער פויער אבגעשטעלט דעם, וואס איז ארומגעגאנגען מיט אויגען פערטיעפטע צווישען די בוימלעך.

— וואס? — האט יענער א פער'סוד'עטען בליק אויפגעהויבען פון הינטער די שאטענדיגע צווייגלעך אפער.

— עס האט געברענט?

— נישט...

און, קלערענדיג נאך א ביסעל, האט ער פערע.דיגט:

— צי עס האט דען געהאט צו ברענען?

— ניין. — האט דער ערשטער אויך געזאגט, נאר דאכט זיך, קוק נאר דארט...

דער פויער מיט דער האק אין האנד האט זיך איבער־גע'צלמ'ט, איינגעטיעפט די בליקען אין דער ווייטקייט, און דער ערשטער האט, מיט א שטילען אראבגעלאזטען בליק צו דער ערד, זיך צוריק אויסגעדרעהט צו זיין קיהעלע און געשעפ־טשעט:

— א, גאט זאל געבען, עס זאל זיין גוט...

נאך פריהער, אויב א פארבייגעהער איבער'ן ברייטען זאמ־דיגען וועג האט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן בערגעל, וואו עס שטעהט דער צלם, האט ער שוין פון דארט געקאנט זעהן א דין, לייכט רויכעל אויפשטייגען פון איבער'ן שטעדטיל. ערשט האט מען שוין פון אומעטום געקאנט זעהן, אז דער הימעל אין יענעם ווינקעל זעהט אוים ווי פערצויגען מיט א לייכטען שווארצ־ליכען נעבעל, איבער וועלכען די האלב־טאגעדיגע זון שיינט און עס איז איהם קוים צו דערקענען.

דא אין פעלד איז צוריק געווארען א פערוונקענע שטיל־קייט, נאר דארט אין שטעדטיל איז שוין געווען א גערויש, א געטומעל. מאמעס זענען ארויסגעלאפען אויף די גאסען מיט משוגע'נע פנימ'ער, מיט בלוטיג־אנגעגאסענע אדערן אויף די העלזער, געשריען און געמאכט מיט די הענד, ווי זיי וואלטען זיך געוואלט בעשיצען פאר דעם פייערדיגען זייל, וואס האט זיך אויפגעשטעלט איבער דעם שטעדטיל, ווי א ראזער שווארץ־קנוילענדיגער וואלקען. דאס שטעדטיל איז פערשלונגען, דאכט זיך, הינטער דעם וואלקען — און מיט זיין ריזיגער פיגור פערדעקט ער א האלבע וועלט, זיין געקרויזטער קאפ שטייגט אויף הויך, אין הימעל אריין.

עס לויפט מרים'ל די ליכט־מאכערין מיט צושפרייטע הענד איבער דער גאס, און אין מיטען בלייבט זי שטעהן מיט אנ'אויפגעהויבענעם קאפ, אויסגעשטרעקטען האלדז און גיט א פאטש צונויף ביידע הענד:

— א גזר־דין, א שלאק פון הימעל!... זי שרייט נישט, דאכט זיך, נאר דראהט אין הימעל אריין מיט א פער'חלש'טקייט אויפ'ן פנים.

— אין זכות פון בערדיטשעווער... — לויפט פארביי אנ'אנדער יודענע, פלאם־פייער, דאס פנים מיט א רויטקייט אנגעגאסען, און די אויגען שפריצען פונקען אויף אלע זייטען.

— אין זכות פון בערדיטשעווער, — חאפט זיך מרים'ל אויך אויף, ווי דורך אנ'עלעקטרישען פונק, וואס איז איהר אין האַרץ אריינגעפלויגען, אזא רים האט עס איהר געטהאן און געטראגען ווייטער.

עס האט זיך שוין דערהערט א פלאצעריי פון שויבען אין אלע זייטען... ביי א טייל אפענע פענסטער, פון וואנען, עס דאכט זיך, עס קוקט ארויס עפיס ווי א שווארצקייט, שטעהען מענער, ווי טייוולאנים־געשטאלטען, מיט האסטיגע בעוועגונגען, און כלים און זאכען פליהען אין דער לופט ארויס אויף דער גאס.

און אט פון א שטיבעל מיט א קליינטשיק פענסטער'ל,

וואס זיצט אין זיין פריסיש לײמענעם ווענדטיל אונטער'ן סאמע דעכעל און קוקט, ווי א קליין דערשראקען בלישטשענדיג אויגעל אויף דעם גרויסען, אין פייער איינגעטונקטען דרויסען,— שלעפט א יודענע א גרויסען מעשענעם הענג-לײכטער, מיט שטריקלעך צוגעבונדען צום אייזערנעם אויער. פון גרויס פערמאטערטקייט, וואס ליעגט אויסגעגאסען אויף איהר פנים, איבער וועלכען די קופקע שטעהט אויפגעהויבען קאפויר און קוקט איהר אריבער אין די אויגען אריין, און פון גרויס פער'חלש'טקייט און אויסגעטריקענטקייט אויף די ליפען, ווי א פיש, וואס לעכצט נאך א טראפען וואסער, — געהט זי נישט, נאר קײכט, שלעפט נישט, נאר פאלט; פאלט איבער די אייגענע הענד, איבער'ן שטריקעל, איבער'ן לײכטער, זי פאלט און קרעכצט און שטעהט אויף. קרעכצט ווייטער, פאלט און שטעהט ווייטער אויף, ווי מען וואלט איהר די פיס אונטערגעשלאגען.

אין דער הינטער-גאס, צום טײך רוישט און קאכט, דארט איז אלץ אויסגעמישט אינאיינעם. מענשען לויפען הין און צוריק ווי די בינהנען; ווער מיט א פעקיל, ווער מיט א טישעל און ווער מיט א זאק אויף די פלייצעס. אין מיטען שנײדט זיך גאר אריין א פערד און וועגעלע מיט א הויל קלינגענדיג פעסעל איבער די שטיינער פון ברוק, און דער גוי אין מעשענעם היטעל, שטעהענדיג דערויף, שרייט: „אן א זייט, אן א זייט"... אזש דאס פנים איז מיט בלוט אנגעגאסען, די וואנסעס אויפגעציטערט און די אויגען שפריצען פונקען.

נאר ארום די זייטען לויפען די מענשען, ווי פער'סם'ט, ווארפענדיג צומישטע בליקען הינטען זיך אויף דעם וואלקען-זייל, וואס שטייגט מיט זיין מורא'דיגער שווארצקייט אין דער הויך און עס וויקלען זיך זיינע קנוילען איינער איבער דעם אנדערן, איינער איבער דעם אנדערן. די פערביטערונג און הארץ-רייסערײ פון מענשען איז אזוי גרויס, אז מען הערט גארנישט איינער דעם צווייטען, אז מען פערשטעהט גארנישט איינער דעם אנדערן. אלע שרייען, ליארמען מאכען מיט די הענד, מיט א ביטערער

פערוווירונג אויף די פנים'ער, אז עס דאכט זיך — די מענשען וועלען זיך שוין קיינמאל נישט פערשטעהן און אז עס וועט שוין אייביג אזוי בלייבען.

קליינע קינדער שטרעקען די הענדטלעך אויס מיט פישטשעדיגע און דערשראקענע פנים'לעך צו די גרויסע מענשען, נאר קיינער זעהט נישט, קיינער הערט גארנישט, א צומישונג, א בהלה איז פון הימעל אראבגעפאלען אויף די מענשענס קעפ.

און אין שטאדט איז א העלישע היץ, די שטיינער פון די גאסען זענען אנגעגליהט. עס ליעגט וועמענס צוריסען בעטגעוואנד מיט ארויסגעלאזטע פעדערן, און די ווייסע ציכען בלייבען זיך רחמנות'דיג געגען־איבער דעם אויפשטייגענדיגען שווארצען וואלקען, וואס אין זיין בויך בושעווען ראזע פלאמען.

טויבען, ווי אויפגעחאפטע שמות, געטראגען הויך אויף די פליגלען פונ'ם ווינד, פלאטערן ארום דעם וואלקען רויך, און ווי פערווירט זוכען זיי זייער טויבען־שלאק, צו בעהאלטען זיך אין איהם פאר דעם אומגליק. זיי זעהען אויס, ווי קליינטשיקע שפענדעלעך אויף די וועלען פון א שטורמדיגען ים. דער טויבען־שלאק צוזאמען מיט'ן גאנצען שטעדטיל האט מיט אונדערבארימיגקייט און שרעק, ווי א פלאקערדיג גרויס גיהנום, אנ'אימה געווארפען אויף אלע בעשעפענישען, וואס לעבען און עטעמען, און טרייבט זיי און יאגט פון זיך מיט א שרעקליכען אימפעט. אין דער שוהל־גאס האט מען געאיילט ארויסצוחאפען דורך די גרויסע טויערן פון דער הילצערנער שוהל עטליכע הייליגקייטען, מיט טליתים איבער די „עץ־חיים'לעך" אריבערגעהילט די מענטעלעך, און א קליין קופקעלע יודען האבען זיי אזוי ליעבליך צו זייערע הערצער געדריקט און מיט אזא זארגליכקייט אויף די געזיכטער זיך הינטער דער שטאדט צום בית־עולם־צו גערוקט, אז א שרעק איז איבער'ן לייב דורכגעגאנגען. און שפעטער, ווען די שרפה איז שוין געווארען געשטילט, און פון דער שוהל איז אפילו קיין ביסעל אש נישט געבליבען — האבען יודען מיט א טיעפער יראה דערצעהלט, אז בשעת דער שרפה האבען זיך ווי טויבען געדרעהט ארום דער שוהל, אז די שוהל

איז נישט פערברענט געווארען, און אז די טויבען זענען גאר קיין טויבען נישט געווען, נאר דאם זענען זיי געקומען נאך איהר, ארויפצונעהמען זי אין דער הויך...

און אצינד זענען שוין געלעגען די פעקלעך פון שטעדטיל אויף יענער זייט טייך אונטער'ן בלויען הימעל, און אויף זיי האט זיך אבגעשפיגעלט די שווארצקייט פון דעם גרויסען וואלקען רויך, וואס שלאגט זיך ערשט אב פון דערווייטענס און צולעגט זיך איבער די פעלדער. און ווייט אויף די לאנקעס שטעהען איינצעלנע צעווארפענע בהמות, און א שטילקייט און א פערטריבענקייט פון דער-היים שוועבט ארום אין דער לופט. עס דאכט זיך, אז די קיה האבען שוין קיין הויז און קיין היים נישט מעהר און אז זיי קאנען ערשט געהערען יעדען. די שטומע צונגען האבען שוין ערשט גאר קיין בעל-הבית נישט, און זיי דרעהען זיך ארום איינע אליין אויף גאט'ס ברייטער וועלט. געלונגען איז נאר ארויסצוחאפען די קיה, וואס זענען געווען הינטער'ן שטאדט, נאר ניט די, וואס זענען געווען אין סאמע מיטען פייער. אז מע האט פאר א קיה די טהירען פון די שטאהלען ברויט פונאנדערגעמאכט און געוואלט זי ארויסשלעפען פון דארט, האט זי א קוק געגעבען אין הימעל אריין אויף דעם פייערדיגען דרויסען, האט זיך איינגעשפארט מיט א שטייפען קאפ און מיט געשטרענגטע פארערשטע פיס, וואס האבען זיך אזש אין מיסט איינגעגראבען און האט מיט א שטארקייט און עטוואס אויסגעבויגענעם קארק זיך געגעבען א דרעה ארום זיך, פונקט ווי א גאנץ שיף וואלט זיך א דרעה געגעבען, און פעסט זיך אריינגעגראבען אין סאמע טונקעלען ווינקעל אונטער דער קארעטע, און בעהאלטען ווי מיט פחד פאר'ן דרויסען, ביז דער דרויסען איז צו איהר אריין דורכ'ן דאך מיט א קנאקענדיגער דורשטיגקייט און געסיטשעריי פון פייערדיגע צונגען.

דאס גאנצע שטעדטיל האט שוין די הענד פערלוירען, זיך פון די כחות ארויסגעשלאגען, ארבייטענדיג. זיי זענען שוין מיד צו ראטעווען, און ס'איז שוין נישטא וואס אויך. די פנים'ער — פערפאנצערט, די אויגען — אויסגעטריקענט, און יעדער הויבט

זיך אן אומצוקעהרען צו זיין ביסעל איבערגעבליבענעם.

אויף די פעלדער זיצען אויסגעזעצט קליינע קינדער אין בעטגעוואנד, ווייבער אין טיכער איינגעהילט, און יעדע היט איהר הייפעלע. דאס פייער איז שוין איינגעשטילט, דער רויך — שוין שיטערליך און צווייהט, אזוי, אז עס לייכט זיך שוין דורך יענע זייט האריזאנט, און נאקעטע קוימענס, ווי די שווארצע ריזען, קוקען פערשטיינערט און פערגאפט אין הימעל ארויין, וואס דא איז אין איין ווײלע געווארען...

און דא אויפ'ן פעלד הערט זיך אלע מאל פון אנ'אנדערע זייט אנ'דורכדרינגענד, איינגעהאלטען און פערשטיקט געיאמער. איין יודענע קלאגט איבער איהר משה'לע, די צווייטע — איבער איהר יענקעלע, די, וואס זיצען שטום, ליעגט אויף זייערע פנימ'ער אזא פערשטיינערטקייט, אז עס דאכט זיך — נישט דער הימעל, נישט די ערד וועלען ניט אזוי פערשטיינערט אויסזעהן, אפילו בשעת די קללות פון דער תוכחה וועט אויף זיי מקוים ווערען; יודען זיצען די הענד אראבגעהאנגען איבער די קניה, די אויגען קוקען ערגיץ פערגליווערט אין דער וויטער וועלט, און אויף זייערע געבויגענע קעפ און פנימ'ער ליעגט אויסגעגאסען דער חשבון הנפש פון „ערום יצאתי וערום אשוב", — בעגלייט אפט מיט א שטילען קרעכץ אדער זיפץ, און א שטיל צושאקלען פון אנ'איינגעשרומפט געל-געפאלדעוועטען שטערן...

די שענע גיטעל.

די שענע גיטעל.

(ערצעהלונג)

איך האב געהאט זעהר א שווערען טאג. מיין מאמע איז נישט היי געוועזן און דאס שווארץ-אויגיגע מיידעל, וואס האט געוואוינט מיט אונז א פענסטער איבער א פענסטער האט אויך נישט געוואלט אריינגעהן צו מיר, און איך בין געזעסען אליי־נער אליין אין שטוב, אפשר ביז האלבען טאג. ערשט נאך דעם האלבען טאג איז ביי אונזערם א שכינות'טע קוים מיט צרות פערלוירען געווארען א הוהן און איך האב מיך פארגעלעגט צו געהן העלפען זי זוכען, אבי נישט צו זיצען אליין. מיט א פאר יאהר צוריק בין איך כמעט א בריה געוועזן אויף אזוינע זאכען. איך פלעג נישט חאפען קיין עוף גלאט אזוי, ווי אנדערע טהוען דאס, אויסצושטרעקען די הענד דערצו. ניין, פערקעהרט, איך פלעג עס נאר ארויסנארען אויף א גרויסען פלאץ, געבען עס א טרייב, עס זאל אנהויבען צו לויפען — און נאך אמאל א טרייב און נאך אמאל, ביז עס האט אנגעהויבען צו פליהען און איך נאך איבער שטעג און איבער שטיין, נישט לאזענדיג קיין רגע צו רוה, ביז עס האט זיך אנידערגעלעגט מיד ווי א קלאץ פאר מיינע פיס. אזויערנאך פלעג איך צו חאפען און אזוי האב איך געטראכט דא אויך צו טהאן, אבי גאט זאל נאר העלפען און מיר זאלען די הוהן דערזעהן.

פריהער, אפשר מיט א שעה צוריק, בשעת איך האָב אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער — האָב איך אַליין געזעהן, ווי זי האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט נאָך עטליכע חבר'טאָרינס פון איהר'ס גלייכען נאָך אַ רויטען האָהן נאָך מיט געגילדערטע פע־דערלעך אַרום העלזול. און אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, האָבען זיי נישט געהאַט קיין בעסער אָרט צום שפּאַצירען און אַ ליעבע צו פיהרען, ווי ביי דער שענער גיטעל אין גאָרטען, און איך מיט מיין שכינות'טע זע'מיר טאַקי דאָרט אַהין אַריין.

אין דעם גאָרטען זענען געוועזען הויכע בלעטער, צווישען די בלעטער — אַ הייזעל, און אין דעם הייזעל — די שענע גיטעל.

— גוט מאָרגען. — האָט איהר מיין שכינות'טע געזאָגט.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר.

און איך שטעה און זאָג איהר גאָר נישט, ווי איך קען זי נישט און זי מיך נישט.

די שענע גיטעל אָבער האָב איך גוט געקענט, און זי מיך אויך. און אַז איך קוק מיך גוט איין, דאַכט זיך מיר, אַז עס בעווייזט זיך אויף איהר פנים אַ שמייכעלע, שוין ווי־טער פונקט דאָס אייגענע, ווי אַמאָל...

שוין לאַנג האָט זי מיך געהאַט אַריינגענאַרט צו זיך אין שטוב און געפרעגט מיך:

— יונגעלע, וואָס ווילסט דו?

האָב איך מיך פערשעמט זעהר און בין אַנטלאָפען אַרויס. פון דעמאָלט אָן, האָט זיך מיר געדאַכט, האָט זי געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכעלע:

„יונגעלע וואָס ווילסט דו?...“

פונקט, ווי היינט געדענק איך עס:

עס איז שפּעט ביינאַכט, די לבנה שיינט, און איך שטעה ביי זיי אין גאָרטען אויסצורייסען אַ ווייסע דינע — נאָר דורך דעם פענסטער פון איהר שלאָף־צימער דערזעה איך זי שטעהן אַ האַלב־נאַקעטע און שפּיגעלט זיך אין שפּיגעל, האַלטענדיג אַ ליכט אין דער האַנד. אין דעם דערזעה איך, ווי זי קוקט

זיך פלוצלונג אום צום פענסטער און וויל שוין צוגעהן ארויס-קוקען — האָב איך מיט גרויס שרעק אַ ברעט און שטעל עס צו צום פלויט, אַז איך זאָל קענען וואָס געשווינדער ארויסשפּרינגען. נאָר דאָס ברעט דרעהט זיך איבער מיט מיר, ווען איך זיץ שוין דערויף רייטענדיג — און זי שיסט אויס מיט אַ טיעף שניידענדיג געלעכטערל אין דער טיעפער נאַכט אריין, צושיטענדיג דאָס קול'כעל ווי זילבערנע געקעלעך פאר דער שיין פון דער לבנה.

און אַז איך שטעה אויף פון דער ערד, און ביי דעם ערשטען קוק אויף דער לבנה — דאַכט זיך מיר, אַז אפילו זי האָט זיך אויך פערשעמט...

און דאדורך, אַז איך זעה ערשט דאָס שמייכעלע, שטעהענדיג אין גאָרטען, טראַכט איך מיר: צו וועט זי ערשט אויך אַזוי לאַכען?...

און איך פערטיעף מיך מיט די אויגען צווישען די בלעטער צו זוכען די הוהן...

די שענע גיטעל אָבער שטעהט אויף דער שוועל פון דער אָפענער גלעזערנער טהיר, וואָס געהט ארויס אין גאָרטען, און נעהמט פון מיר קיין אויג נישט אַראָב.

— צי דו האָסט צייט צו געהן זוכען אַ הוהן? — פרעגט זי מיך.

— יאָ, איך האָב צייט, מיין מאַמע איז נישטאָ היי...

— וואו איז זי געפאָהרען?

— אויף אַ חתונה... — ענטפער איך איהר.

— קום נאָר אַהער, — זאָגט זי צו מיר מיט זעהר אַ פיין שמייכעלע, גאָר אַ פיינס, נאָך פיינער ווי אַלע מאָל.

איך געה צו און מיין, אַז זי וויל מיר אוודאי אַראָבציהען דאָס היטעלע איבער די אויגען... ערשט זי פרעגט מיך:

— וואו-זשע ביסט דו, ווער גיט דיר עסען?

— איך האָב טאַקי נישט — זאָג איך — איך האָב נישט, וואו צו זיין אויך... די מאַמע האָט מיטגענומען דעם שליסעל און איך קען נישט אריינגעהן אין שטוב...

— די מאמע האט צוגענומען דעם שליסעל — זאגט זי — און ווען קומט זי?

— ערשט מארגען פארנאכט...

די שענע גיטעל האט זיך א ביסעל פערקלערט.

— נו, קום ארײן צו מיר שלאפען — האט זי מיט א שמײכעלע געזאגט נאך א ווײלע שווײגען.

א, מיט די עטליכע ווערטער האט זי מיר ארויסגעוואר־פען א גאנצען שטײן פון הארץ. גאט ווייסט, צי וואלט איך נישט געקלעטערט הינטער'ן בלויזען הימעל די הײנטיגע נאכט. און צוהאלטענדיג דעם שליסעל פון אונזער שטוב בײ מיר אין קעשענע, האב איך איהר אפשר טויזענד מאל געדאנקט און גע־שוואוירען, אז איך וועל איהר קײנמאל נישט פערגעסען דעם גרויסען חסד, וואס זי טהוט מיט מיר ערשט. און פאר גרויס גלוסטיגקײט צו איהר שענעם שמײכעל בין איך גרײט געווען צו צופאלען צו איהרע טריט און אויסקושען זי.

„זײ געבענשט — האט איך מיר געטראכט מיט גרויס פא־טאס — דו וואונדער־שענע טאכטער... איך האב טאקי נישט וואו צו שלאפען, נאר א מערכה דו..."

דערווײל אבער האב איך איהר גאר נישט געזאגט, נאר „א גוטען טאג!" און צו מײן שלינות'טע פון דער הוהן האב איך מיך געווענדעט און צו איהר אזוי געזאגט.

— גיט א קוק אין דעם ווינקעל פלויט, הינטער די קושאלעך; אויב די הוהן איז נישט דא, איז זי שוין נישט דא...

די יודענע האט געזיפצט, קוקענדיג אויף מיר, ווי מיר איז דאס אזוי לײכט אבצוזאגען... און אוועקבויגענדיג די שטע־כעלצען, וואס זענען געוואקסען אין ווינקעל פלויט, האט זי מיט א פינסטער פנים ארײנגעקוקט דארט אהין. אבער באלד האט זי זיך צוריק אויסגעגלײכט, א פערבלאנדזעטען בליק איבערגע־טראגען איבער'ן גאנצען גארטען, ווי אײנע וואס איז שוין ארײנ־געפאלען אין א פינסטערן יאוש, און נישטא שוין אפילו וואו איהר האפנונג אויף אנצעווענדען.

אָבער אַצינד קען איך זי שוין נישט דערליידען. ציים די שענע גיטעל האט מיך בעשטעלט אויף נעכטיגען צו איהר, קען איך דער אַלטער שוין נישט פערטראָגען, און איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן, ווי דערנעהמט זיך צו אַזאַ שטייגער מענש, ווי איך, אַזאַ לייכטזיניגקייט, צו גיין העלפען זוכען היינער? דערצו דאַרף מען זיין אַ היבש ביסעל „אַ גאָרנישט", נאָר איך, אַלס אַזעלכער, וואָס וויל נישט אַז דאָס געוויסען זאָל מיר האָבען פאָרציווארפען, אַז איך האָב גענומען אַ מענש, פערפיהרט און געלאָזט שטעהן אין מיטען וועג, האָב איך געמוזט מיט איהר ווייטער ליידען.

מיר זענען אויסגעווען, וואו נאָר אַנ'אָרט, וואו נאָר אַ שטעלכעל און אַ בוידעם, האָב מיך פערשטויבט, ווי אַ טייוועל — אָבער אַלץ אומזיסט. אונזער זוכען האָט צו גאָרנישט געפיהרט, אַזוי פערהוילען זענען דער הוהן'ס וועגען געוועזען. איין גאָט ווייסט, וואו דער האָהן האָט זי פערשלעפט.

און איך מעג זאָגען, אַז מיר איז שוין אַזש טרוקען געוואָרען אין מויל פון אַרומזוכען — נאָר איין זאַך, וואָס האָט מיך געטרייסט: דאָס וואָס איך וועל גיין היינט נעכטיגען צו דער שענער גיטעל.

אוי, האָב איך שוין געהאָפט אויף דער נאַכט, אַז זי זאָל אָנקומען ווי צום פריהסטען.

און ווי עס איז שוין געוואָרען אַרום פיער דער זייגער — האָב איך די האַנד פון האַרץ אַוועקגענומען, מיך אָבגעשטעלט אין מיטען זוכען און געווענדט זיך צו דער יודענע, מיין שכינות'טע, מיט אַזאַ מין רייד און מיט אַזאַ מין טאָן, זעהענדיג — אַז איך וועל מיך שוין נישט קענען היינט פון איהר אָבטשעפען:

— הערט — האָב איך איהר געזאָגט — איך האָב נישט קיין אומזיסטיגע כחות אויסצוברענגען אויף אַזאַ נישטיגע זאַך, ווי אַ הוהן צו געהן זוכען, און עס לוינט נישט אויך, ווייל, ווי איך זעה, איז אייער הוהן אַ גאַנץ לייכטזיניגע און זי איז זיכער ערגיץ פערפאַלען געוואָרען מיט דעם האָהן. און דאָס אַנ-

דערע — איך וויל שוין נישט געהן מעהר זוכען.

ביי מיין שכינות'טע האט זיך אזש דאס פנים אויסגע־קרימט, דערהערענדיג פון מיר אזא ענטשידענעם ענטפער מיט אזא פעסטער בעשלאסענהייט, שוין נישט צו געהן ווייטער מיט איהר א טריט אפילו, בפרט נאך, אז נאך מיינע רייד, האט עס איהר הוהן נישט פערדינט אויך, ווייל זי איז נישט פון די גאר געהויבענע פארשוינען — האט זי, די שכינות'טע, גאר שטום ווי די וואנד, און דאכט זיך מיר, מיט פייכטליכע אויגען, וואס האבען געבלישטשעט פון טרעהרען—געקוקט אויף מיר און נישט געהאט וואס צו ענטפערן.

זי האט זיך קרעכצענדיג אויסגעדרעהט און אוועקגעקראכען ווי עס איז אהיים — און איך האב מיר אוועקגעשפאצירט צו מיינער א פאמיליאנטקע, וואו די מאמע האט מיר נאך נעכטען בעזארגט, אז איך זאל האבען היינט וואו צו עסען מיטאג. און געהענדיג איבער'ן וועג, ווען איך בין שוין געווען איינער אליין און האב מיר געקענט אבגעבען א רעכנונג פאר זיך, איז שוין מיין הארץ פול געווען מיט דער ליכטיגער האפנונג, אז אט, אט, וועט קומען די נאכט און איך וועל אוועק צו דער שענער גיטעל.

ביים עסען, וואו דער מוהמעס קינדער זענען אויך געזעסען ביים טיש און די מוהמע מיט'ן פעטער אליין אויך, האט מען ערשט געקענט בעמערקען, וואס פאר אנ'אונגעהויערע ביסען און געשווינדע שלינגען איך מאך. אזוי פערטהאן בין איך געווען און מיט אזא אימפעט האב איך געטראכט וועגען דעם, אז די נאכט זאל שוין אנקומען. און אז דאס מיטאג האט זיך געענדיגט און איך בין שוין ארויס אין דרויסען — האב איך געמיינט, אז די וועלט איז מיין. איך האב ערשט אנגעהויבען פרייער אבצועטעמען, און שטילערהייד האב איך נאכגעקוקט דער זון, ווי זי נויגט שוין אביסעל אוועק קיין מערב, און געטראכט האב איך מיר: געלויבט צו גאט, וואס איך האלט שוין אזוי ווייט...

די נאכט איז אנגעקומען און מיר האט אנגעהויבען נישט גוט ווערען. איך האב מיך זעהר שלעכט געפיהלט נאך דער

מוהמעס מיטאָג און דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבען וועה-טהון, פיהלענדיג, ווי איך ווער איינגאַנצען אויסגעלערט פון כחות און אויפ'ן האַרץ ליעגט מיר אַזוינס, ווי אַ שטיין, נאָר די צונג אַרויסצובלייזען... ציַיט איך לעב האָב איך דאָס ערשטע מאָל מיטאָג-עגעסען בייַ דער מוהמען, און אָט איז עס מיר אַזוי בעקומען. איך ווייס נישט, ציַ איז עס פון צו גיכען שלינגען געווען, צו פון צו גרויסע ביסען, מחמת דער האַסטיגקייט פון די געדאַוקען. נאָר דאַכטען דאַכט זיך מיך, אַז דאָס פלייש איז גאָר קיין פלייש נישט געווען, נאָר מפיל-קיה'עלע, אַזאַ וועיכ'ס, אַזאַ צוקראָכענס, און איך בין אַוועקגעקראָכען אין אַנ'אָבגעלעגען ווינקעל הינטער אַ בוים און אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל אַריין — און זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין — אפשר וועט מיר גרינגער ווערען. איך האָב נאָך ריציִנאייל אויך געוואָלט נעהמען דערנאָך, אַזוי שען האָט מיר געשמעקט מיין פאַמיליאַנטקעס מיטאָג. נאָר איך האָב נישט קיין געגוג האַרטע נאַטור, אַז איך זאָל נישט די צונג אַרויסבלייזען נאָך אייִדער איך שטעק צו דאָס מויל צום גלעזיל. האָב איך מיך שוין אַזוי ערגעץ אָנגעשפאַרט אויף אַ שטיין, פיהלענדיג ווי איך בלייַב אוים מענש.

נאָר פונדעסטוועגען, אַז עס איז אָנגעקומען די ציַיט, האָב איך מיך ווי עס איז געשטאַרקט און אַוועקגעשלעפט צו דער שענער גיטעל.

אָ, איך האָב אַ שרעקליכען טאָג איבערגעלעבט — האָב איך געהענדיג איבער'ן וועג צו איהר געטראַכט — און ווער ווייסט, ציַ האָט מיך נישט די שענע שכינות'טע מיינע אַוועקגעקוילעט מיט „אַ גוט אויג” און דערנאָך מיט דעם אַרומשלעפען מיך ביז אַ זייגער פיער אומגעגעסען, אין אַלע חטשאָנקעלעך און הינטערגעסעלעך, וואו דער עיפּוש איז גרויס ביז צום הימעל.

איך האָב מיך אָבגעשטעלט, טיעפער אייַנצוועטעמען די לופט, אַ קיהל ווינטעל האָט געבלאָזען איבער מיין פנים, אויף וועלכען עס האָבען אַנגסטען אַרויסגעשלאָגען און דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק וועה געטהאָן.

אודאי, ווען איך וואלט מיך געוועזן גערכית, וואלט איך מיך אויסגעלאדעוועט מיט א שענעם פנים צו קומען צו דער שענער גיטעל, ווי איך גיה ערשט. נאר אזוי צי אזוי, פער־פאלען, דעם היינטיגען טאג האב איך שוין נישט געקענט צו־ריק נעהמען, און איך בין ווי דאס איז אריין צו דער שענער גיטעל אין שטוב, פערשטעהט זיך, אז דורכ'ן פלויט, ווייל דא־ארום איז מיר שוין געווען איהר צו דער האנד...

איך האב מיט אויפגעהויבענע אויגען אויף איהר — גע־זאגט א שענעם „גוט אווענד", מיט א זעלטען שטארקען זיך, אז מיין שטים זאל ארויסקומען, וואס שענער, וואס פיינער און וואס גראציעזער — און גאנץ סאליד, שטיל, האב איך מיך אוועקגעזעצט ביים טיש, וואס איז געווען געדעקט מיט א ווייס טישטוכעל און עס איז געשטאנען א ברענענדיגער לאמפ מיט א בלויען אבאזשור.

אנפאנגס האב איך נישט געקענט קוקען אין איהם מיט די אויגען פון דער פינסטערניש אין דרויסען אין דער פלוצלונגער ליכטיגקייט, נאר ביסלעכווייז האב איך מיך צוגעוועהנט.

איך בין געזעסען, אין קאפ האט מיר געמישט, פאר די אויגען — א ביסעל געבלענדט — און די שענע גיטעל אין איהר לויזען ראזען שלאפראק, אין די ווייכע שטילע שטעק־שיכלעך אויף די פיס און מיט איהר שטילען און לייכטען שארך פון איהר שענער בעוועגליכער פיגור איבער דער שטוב — האט מיר שוין צוגאסען א זיסע אנגענעהמליכקייט אין מיין קאפ, און איהר פנים שיינט פאר מיר, ווי א כשוף פון דער שטילקייט און שאטען, וואס לעגט זיך אב פון דעם בלויען אבאזשור איבער דער שטוב.

און מיך ארט נאר, פארוואס זי האט פערגעסען אזא קלייניגקייט, ווי ארונצולאזען די פארהאנגלעך איבער די פענסטער, נאך פריהער איידער איך בין אריינגעקומען.

נאר מן הסתם ווייסט דאך די שענע גיטעל, וואס זי טהוט.

און אט, ווען זי האט זיך שוין געהאט אבגעפארטיגט

צום שלאָפען געהן האָט זי מיר געזאָגט:

— נעהם, געה לעג זיך דאָרט שלאָפען אין קיך אין דעם קליינעם בעטעל... — און מיר איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגען איינגעקאָרטשעט, איך האָב מיר אפילו נישט געוואָלט לעגען קיין קאַלט וואַסער צו די שלייפען, און האָב געטראַכט „זאָל שוין זיין וואָס עס וועט זיין, איך וועל שוין באַדיי שטאַרבען"...

אַז אַזאַ שענע גיטעל האָט מיר געקענט אַזוינס טהון, נאָכדעם, ווי איך בין איהר אַזאַ לאַנגע צייט נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען, מיט אַ פערפינסטערטקייט אין פנים און אויסגעלאָשענקייט אין די אויגען — איז שוין די וועלט גאָר קיין וועלט נישט.

אַך, עס בלייבט מיר אַ שוועריגג אויפ'ן האַרץ, און עס איז נאָר אַ פאַל, אַז איך זאָל אויפהערען צו שפּרינגען איבער פלויטען, אויפצוהערען צו פער'גנב'ענען זיך הינטער פענסטער און אַריינצוקוקען בשעת שענע פרויען שפּיגלען זיך אין די שפּיגלען — און ס'איז אַ פאַל אויך, אַז איך זאָל איבערהויפּט אויסמיידען די ערטער, וואו עס שטעהט אַ שענע פרוי; במילא וועל איך אפשר אויך בעשירמט ווערען פון צו שלאָפען איינגעקאָרטשעט אין אַ קליין בעטעלע אין אַ פרעמדער קיך...

צומאָרגענס אָבער, ווען מיין מאַמע איז געקומען צוריק, האָט זי מיך דערוויסט שוין אַ טויט-קראַנקען.

— וואָס איז עס דיר, מיין זוהנ'דעלע? — האָט זי מיך געפרעגט.

— גאָרנישט, עס וועט איבערגעהן...

זעלנער.

זעלנער.

(ערצעהלונג)

אין דרויסען איז שוין געוועזען אַ שטיק אויפ׳ן טאָג. מאַמעס האָבען שוין אהיים געטראָגען פון מאַרק פולע פאַרטיכער מיט פלעצלעך, מיט בינטלעך שציפּיער אונטער׳ן אָרעם און טעפּלעך סמעטענע אין די הענד. קינדערליך אין די בלויזע העמדליך האָבען זיך שוין געשפּיעלט אין זאַמד און געמאַכט חלות. אויך ביי מיר אין פענסטער איז שוין די זון געשטאַנען פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט און געשיקט אַ גאָלדענעם שטויב-פּאַס אין שטוב אריין, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען איבער דער פאָרלאָגע און דערגרייכט ביז צום קאַלך-געווייסטען אויוועז. אַ שטיל גערויש פון די גאַסען האָט זיך שוין דורכגעשלאָגען דורך מיינע ווענד, פון די מענשען, וואָס זענען שוין לאַנג אויף און האָבען שוין היינט אַ וועלט איבערגעדרעהט — נאָר איך איינער אַליין, אַ פערשפּעטיגטער אויפ׳ן טאָג, בין נאָך געלעגען אין בעט און געוואַרט, ביז די מאַמע וועט אַריינקומען.

עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין דער טהיר און די מאַמע איז אַריין אין שטוב. זי איז געוועזען ביי אַ שכנ׳טע, אָדער אין גאַס ערגעץ און איננאַיינוועגס מיר געבּרענגט אַ גוטע בשורה:

— זעלנער זענען דאָ... — האָט זי געזאָגט.

— זעלנער ? — האָב איך געפרעגט און נישט געוואָלט מיר צוגלויבען .

— יאָ, יאָ — זעלנער . . . — האָט זי ערנסט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — די גאַנצע שטאָדט איז ביי דעם „בורמיסטער" אויפ'ן באַרג, נאָר דו איינער ליעגסט נאָך אַזוי אין בעט .

איך האָב מיר אָנגעהויבען אָנצוטהאָן די מייטקעס, דערנאָך די שטיוועלעך אָפּערגעשאַרט פון אונטער'ן בעט .

„זעלנער — האָב איך געטראַכט — מיין טאַטע איז אויך געווען אַ זעלנער — עס העננט נאָך דאָס היטעל אין קאַמער, וואָס איך מעסט עס מיר אַלע מאָל אָן — — און אַז איך וועל אויפוואַקסען וועל איך אויך זיין אַ זעלנער . און , אפשר, נאָך גאָר אַ קייזער" .

איך האָב מיך אָנגעטהאָן און אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט .

דאָס גאַנצע פעלד איז געווען בעלעגט מיט מחנות און מחנות זעלנער אין ווייסע העמדלעך, מיט שוואַרצע פּאַסען און זעלנערישע היטלעך אויף די קעפּ .ביידלעך ווייסע זענען געשטאַנען צו דער ערד צוגעשלאָגען , קופּקעלעך אויפגעשטעלטע ביקסען מיט די גלאַנציגע שטילעטען אַרויף — און איבער דעם אַלעם האָט געשיינט און געבלאַנקט אַ ליכטיגע זון . די זעלנער זענען געלעגען צושפּרייט איבער די פעלדער , ווי ווייסע סטאַדעס שאָף, די דעכלעך פון די ביידלעך האָבען זיך געבלייכט , שטעהענדיג אויסגעשטעלט שורות־וויין, די שפּיצען פון די ביקסען האָבען געגלאַנצט מיט אַלע מיני בלישצלעך , און די ליכטיג־צושאָסענע שטראַהלען, וואָס האָבען געבליצט פון אַלע זייטען האָבען די אויגען געבלענדט, אַז ס'איז נישט מעגליך געווען אַרומצוקוקען די גאַנצע פערנומענע ווייטקייט , נישט צו פערשטעלען זיך מיט דער האַנד איבער'ן שטערן פאַר דער אַרומיגער ליכטיגקייט .

און אָט דאָרט, פון דערווייטענס , ציהען זיך בלויע דורכזיכטיגע רויכלעך אין הימעל אַריין, וואָס וויקלען זיך ווי בלויליך געקרייזעלטע וואָלקען־שנירלעך אין דער הויך אַרויף , עס

בלאנקען קופערנע אבגעפוצטע קעסלען פון ווייטענס, און זעלנער פארען זיך ארום זיי און ארום די רויכלעך מיט צעבערס אויף די אקסלען — מען שטעלט אב און מען הויבט ווידער אויף — דאס פעלד רוהט נישט: עס קאכט אנ׳אנבייסען אונטער׳ן ריי־נעם בלויען הימעל.

און איבער דעם בערגיל, וואו די ווינד־מיהל שטעהט מיט אנ׳אויפגעשטעלטען פליגעל איבער׳ן קיילעכדיגען דעכעל, ווי מיט אנ׳אויסגעצויגענער האנד אין הימעל אריין, טוקען זיך עט־ליכע ווייס־פערטראכטע וואלקענדלעך אין דער בלויער לופט און קוקען אראב מיט א שטילער אויפמערקזאמקייט, ווי קליינע באוועגע קינדערלעך, וואס געהען פארביי פאר עפעס און פער־טראכטען זיך. עס קוקען אויך אפער, ווי בגניבה, עטליכע אייזערנע רעהרען אויף רעדער פון אונטער דער וואנד פון דער ווינד־מיהל, און דאס קוקען זייער׳ס איז מיט אפענע מיילער צום וועלדעל — און ביידע שוויגען, אי דאס וועלדעל, אי די הארמאטען. עס זעהט אויס, ווי א שטילער דרך־ארץ הערשט צווישען זיי ביידע און איינס איבער דאס אנדערע שטעהט פער־וואונדערט.

ארום איז שטיל — עס זעהט זיך נאר א בלישטשען פון א קוקארדע פון איינעם׳ס קאפ אראב, וואס דרעהט זיך דארט צווישען די הארמאטען ארום. אמאל זעהט זיך א שטיל ריהרען פון א זעלנער, וואס וואקעלט זיך צו מיט די פלייצעס קעגען דער זון, איבערגעהענדיג א שטיקעל פעלד פון איין ארט אויפ׳ן צווייטען, צווישען קופקעלעך אויסגעלעגטע פנים׳ער מיט זעלנע־רישע היטלעך, וואס זעהען זיך פון דערווייטענס — עס גלאנצט אמאל אויף א שייד פון א שווערד פון א זעלנער, וואס שטעלט זיך אויף און קלאפט אב די ערד פון זיינע קניה, וואס האט זיך אויף זיי צוגעקלעבט.

א ביסעל ווייטער שטעהט אויך אויף איינער, און נאך איינער און מען טראגט זיך איינציגווייס אוועק דארט אהין, וואו די זעלנער פארען זיך מיט די צעבער׳ס אויף די אקסלען, זע־הען צו דער „אביעד" איז שוין פארטיג.

באַלד קריכט אַרויס אַ קאָפּ מיט אַ פּאָר ברייטע אַקסלען פון אונטער אַ ביידעל, און עס בלייבט שטעהן. אַ „סאָלדאַט", איז ער אַליין גרעסער און ברייטער ווי דאָס גאַנצע ביידעל, און, אַז איינער איז נאָר אַרויסגעקראָכען, קריכט שוין אַרויס נאָך איינער און נאָך איינער און עס בעווייזען זיך, וואָס אַמאָל מעהר קעפּ פון אונטער דעם לייוועגד אַפּער און אלע בלייבען שטעהן מיט דערהויבענע פּנים'ער, און קוקען און שמאָטקען מיט די ליפּען דאָרט אהין, וואו די זעלנער פּאָרען זיך מיט די צעבערס אויף די אַקסלען, אַרומגעהענדיג אַרום די בלויע רויכלעך.

עס קומט אָן דער „אָביעד". עס בלישטשען שוין קליינע קופּערנע קעסעלעך, וואָס זעלנער טראָגען איבער'ן פעלד. אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, זיצען רעדלעך אויסגעזעצטע זעלנערישע קעפּ, פלייצעס בלאַנקען קעגען דער זון. די פּנים'ער פערטהאָן אין דער מיט אַריין, און עס טראָגט זיך אַ שאָרכען פון הילצערנע לעפעל אין קופּערנע פענדלעך און אַ רודערן פון האַנד און עלענבויגען. אַלץ איז פערטהאָן, אַלץ עסט, און דער בלויער הימעל קוקט אַראָב שווייגענדיג אויף די מחנות אויסגעזעצטע קעפּ, אויף די שטילע קראַפט, וואָס רוהט דאָ אין פעלד. פאַרנאַכט, ווען די זון פערגעהט, טהוען זיך די זעלנער אָן די פלאַשטשען און אַ שטילקייט רוהט אויף זייערע פּנים'ער. אין דער מיט שטעהט דער פּאָפּ, און זיי אלע זענען צונויפגעשלאָגען געדיכט אַרום ווי אַן'אייזערנע וואַנד. פון פון דער מיט אַרויס זעהט זיך דעם פּאָפּ'ס שפּיציג קאַפּעל, דאָס ערנסטע בלאַסע פּנים, מיט גרויסע אויגען, און די האָהר, וואָס זענען איהם אויף די אקסלען אַראָבגעפאַלען. עס הערט זיך פון דער מיטען אַרויס אַ שטיל און טיעף גאָטס-געבעט און אַלע פּנים'ער ווערען וואָס אַמאָל טיעפער געזונקען, די אויגען זענען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד, און פּלוצלונג הויבען זיך אלע קעפּ אויף מיט איין מאָל, און עס דערהערט זיך אַ טויזענד-מחנה'דיגע געזעצטע שטימע, אַלע אין איין טאָן, אונטער אַ טרויריג געזאַנג „אָטשע נאַש" — און דאָס געזאַנג צוטראָגט זיך פון

וועלדיל בּיז אין שטעדטיל און פֿילט אָן די פּאַרנאַכטיגע לופֿט מיט טענער פֿון מאַנספּערשוינישער גבורה.

און ווידער ווערט שטיל, און דעם פּאָפּ׳ס קול שווימט ווײַטער אַרויס פֿון אויבען, און ווידער אַמאָל די זעלנער, אַזוי זינגען נאָך דאָס אַנדערע, בּיז עס קומט אַרײַן אין טיפֿען קרײַצען זיך. הענד הויבּען זיך און צלמ׳ן פֿון קאָפּ צו האַרץ און פֿון אַקסעל צו אַקסעל, בּיז די אײַנגעהאַלטענע שאָם געהט איבּער און די תּפֿילה ענדיגט זיך.

בּאַלד איז נאַכט געוואָרען. אין מערב־זײַט האָט נאָך געגליהט דאָס לעצטע שטיקעל טאָג פֿון אונטער אַ ווינקעל הימעל אָפּער, און גאָטס שלום, אײַנגעהילט אין אַ זאַנפֿטער טונקעלהײַט האָט אָנגעהויבּען אויף דער ערד אַראָבּצונידערן און צו בּלאָזען פּאַרנאַכטיגע שמעקענדיגע ווינטלעך איבּער פֿעלד און וואַלד, איבּער בּוימער און גראָזען. עס האָבּען זיך אויסגעמישט שאָטענס פֿון בּאַרג און טהאָל צוזאַמען מיט דער נאַכט, און די זעלנער זענען אַרונטערגעקראָכען אונטער די פּאַלאַטקעס שלאָפֿען.

איך האָבּ מיך אויפֿגעהויבּען און בּין אויך אַהײם געגאַנגען.

בּײַנאַכט האָבּען יודען געשמועסט צווישען זיך, אַז די זעלנער וואַרטען אָבּ דעם שונא, וואָס דאַרף זיך בּעווײַזען פֿון אונטער דעם וועלדיל אָפּער, און אַ זײַגער פֿיער פֿאַרטאָג, ווען איך בּין נאָך געלעגען אין בּעט, האָבּען שוין די ווענד פֿון אונזער הויז געציטערט, דאָס בּעט האָט זיך געהויבּען מיט מיר — איך האָבּ דײַטליך געהערט דאָס קנאַקען פֿון די האַרמאַטען, דאָס זשומושען פֿון די שויבּען און אויפֿחאַפּען האָבּ איך מיך נישט געקענט. מיר איז דער קאָפּ געווען עפּיס אַזוי שווער, אין דרויסען, האָט זיך מיר געדאַכט, געהט די וועלט אונטער — עפּעס אַ פּלוצלונגער שטורם האָט זיך אין מיטען דער נאַכט אויפֿגעחאַפּט, וואָס איז געקומען פֿון דעם בּייזען צאָרן פֿון גאָר דער וועלט אָנזאָגען, אַז שוין גענוג, ערשט איז שוין געקומען די צײַט, ווען אַלע מענשען און לעבּעדיגע בּעשעפּענישען זאָלען

אונטערגעהן — און די גאנצע וועלט, האט זיך מיר געדאכט, איז געווארען איינגעקארטשעט פון שרעק און געווארט נאך אויפ'ן לעצטען שטוים.

נאר אט דא האב איך מיך אויפגעחאפט. די גאנצע שטוב איז ווייטער געוועזען לעדיג, נאר די מאמע איז עפעס ארומגעקראכען אין די ווינקעלעך איינגעקארטשעטערהייד. אין איהרע קנייטשען פון פנים איז געלעגען א צייכען פון אויסגע־פייניגטקייט — און לויט איהר שטילען ארום דרעהן זיך אין א ווינקעלע האט זיך מיר געדאכט, אז עפעס זוכט זי דארט — עפיס א פעקיל צו מאכען פון איהר לעצט ביסעל ארימקייט און אנטלויפען ערגיץ אין א הייל אריין אבצוראטעווען דאס לעבען.

— וואס איז? — האב איך א געשריי ארויסגעגעבען מיט אנ'אימפעט פון שלאף ארוים, אויפזעצענדיג זיך פון בעט. נאר די מאמע איז צו מיר צוגעלאפען אנ'איבערגעשראקענע און מיט גרוים מיה און מאטערניש מיר איינגענומען און דער־צעהלט מיר מיט א לויכטענדיגע טרעהר אין אויג, אז שוין, דאס בייז איז שוין איבערגעגאנגען, פון פארטאג אן האט עס געדויערט ביז אהער.

און ווען איך האב מיך אויפגעהויבען און ווייטער ארוים־געגאנגען אונטער דער שטאדט — איז דאס פעלד שוין געוועזען לעדיג — צוקאפעט די ערד, איבערגעדרעהט מיט דעם גראז אראב. אויף דעם ארט פון די הארמאטען איז גאר לאנגע איינגעשניטענע קאלים פון רעדער איבערגעבליבען אויף די ביי־טען, וואס האבען זיך אוועקגעצויגען וויט אין פעלד אריין. א מורא האט נאך ווי געהאנגען אין דער לופט פון די טויזענדער לעבענס, וואס האבען נאך נעכטען דא געאטעמט, און פון די זעלנער איז שוין קיין זכר נישט געוועזען.

א יונגע אלמנה.

אַ יונגע אלמנה.

(ערצעהלונג).

אויף אַ סטאַציע האָבען זיי זיך ביידע געטראָפען אין איין וואַגאָן. ער איז מיט דערזועלבער באַהן געפאָהרען פון אַ ווייטערע שטרעקע, נאָר זי איז אויפגעזעסען, ווען עס איז שוין ניט מעהר ווי אַ קליין שטיקעל וועגס געוועזען צו דערפאָהרען אין דער שטאָדט, וואוהין דער צוג האָט זיי ביידע געזאָלט פיהרען. ביי דעם ערשטען דערזעהען זיך, בשעת זי איז אין וואַגאָן אריין, און ער איז אויף אַ באַנק געזעסען — איז די איבערראַשונג געוועזען אזוי גרויס, אז זי האָט אַזש איהר קליין דאַמען-קייבערל פון דער האַנד אַרויסגעלאָזט און ער איז געבליבען זיצען ווי צוגעשמידט צו'ם אָרט, און ביידע זענען נישט געוועזען אין שטאַנד אפילו אַ וואָרט אַרויסצוברענגען.

נאָר ווען די ערשטע איבערראַשונג איז אוועק, איז זי שוין געזעסען אויף זיין אָרט, און ער אויף אַ שטיקעל קאַנט פון דער באַנק, צוגעזעצט נעבען איהר.

— וואָס-זשע מאַכסט דו? — האָט זי געפרעגט, אַ שטראַהלענדיגע, קוקענדיג אויף איהם.

— איך, גאָר נישט... — האָט ער געענטפערט — איך בין, זעהסט דו, געזונד... און דו?

— איך אויך דאָסזעלבע. אַ דאַנק.

זיי האָבען זיך נישט געהאַט געזעהען שוין העכער אַנ־דערטהאַלבען יאָהר. ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט איבער דער צייט חתונה געהאַט, אַז זי לעבט היינט אויף אַ פרעמד אָרט, צווישען מענשען, וועגען וועלכע ער האָט אפילו קיין אהנונג נישט, נישט וועגען זיי און נישט וועגען איהר, ווי אַזוי איהר לעבט זיך דאָרט. נאָר איבריגענס — איהם גלוסט עס שוין גאָר נישט צו וויסען אויך. נאָך פאַר איהר חתונה, שוין אַנ־דערטהאַלבען יאָהר איז אַריבער צייט דעמאָלט, האָט זי איינ־מאָל, שפּאַצירענדיג מיט איהם איבער'ן טראָטואַר, דערצעהלט איהם, אַז זי האָט שוין די טעג חתונה און אַז דער חתן שעצט איהר זעהר...

אַז דער חתן שעצט איהר זעהר האָט ער אויך געזעהן פון דעם, וואָס פון איהר אויסגעפּיעלטער האַנד האָט אַראָבגע־בלישצעט אַ בראָנזלעט מיט דערזעלבער צופריעדענהייט, ווי דער שמייכעל פון איהר געזיכט. אויף איהר ברוסט האָט גע־פינקעלט אַ שפּילקעלע מיט גלעזערנע אימיטאַציעלעך און — אפשר דימאַנטלעך. אויף די פינגער — רינגלעך מיט רובינדלעך און שמאַגראַדלעך, און גאָט ווייסט מיט נאָך וואָס. אָבער מעהר פאַר דאָס אַלץ האָט זי דעמאָלט מיט איהרע ווערטער געבליש־צעט אין איהר שטאָלצען ריידען וועגען דעם, וואָס דער חתן שעצט זי, און אַז זי האָט שוין די טעג חתונה.

נו, מילא, האָט זי חתונה געהאַט און אינגאַנצען פערשוואונ־דען פון זיינע אויגען, ביז זיי האָבען זיך דאָ ווידער גע־טראָפען.

— שוין אַ שפּאָר שטיקעל צייט אָבגעלאָפען פון דעמאָלט אָן, צייט מיר האָבען זיך געזעהן. — האָט ער צו איהר גע־זאָגט, קנייטשענדיג דעם שטערן.

— און מיר דאַכט זיך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן — האָט זי מיט אַ צופריעדענער מינע געזאָגט — דו געדענקסט, יאָסעלע, ווען מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געשיידט?

— איך געדענק — האָט ער געענטפערט און באַלד

א שאקעל צו געגעבען מיט'ן קאפ פאר זיך אליין, ווי ער וואלט זיך וועגען עפעס א נישט אנגענעהמליכע זאך דערמאהנט.

— נו, האב איך דיר נישט געזאגט דעמאלט באלד — האט זי ווייטער געזאגט — אז א בארג מיט א בארג קענען זיך נישט צונויפקומען, אבער א מענש מיט א מענש האט שטענדיג א האפנונג?...

— איך געדענק, איך געדענק. — האט ער אליין, שאקלענדיג מיט'ן קאפ, געזאגט.

— נו, פארוואס־זשע דערצעהלסטו נישט עפעס, יאסעל, ווי דערגעהט עס דיר? פאר מיינעטוועגען האסט דו שוין גארנישט וואס צו ריידען?

—איך וועל דיר דערצעהלען— האט ער מיט א געקווילטקייט אין פנים געענטפערט, ווי ער וואלט זיך געצוואונגען צו ריידען, אונזער בעגעגנען זיך איז אזוי אומגעריכט, און דאדורך איך גאר האב נישט וואס צו ריידען.

— זעה־זשע נאר יאסיל — האט זי ווייטער געזאגט, נעהמענדיג זיך צום האנד־קערבעל, און ארויסנעמענדיג פון דארט א פאמעראנץ מיט א שטיק האניג־לעקעך, — דו וועסט אפשר פערזוכען פון דעם, וואס איך האב דא?

יאסעל האט געקוקט אויף איהר מיט א פינסטערן שמייכעל:

— ניין, גלויב מיר, אז עס האט מיך גארנישט גע'חלומ'ט אויך קיינמאל וועגען דיין האניג־לעקעך, עס דו אליין געזונדערהייד, — האט ער צוגעגעבען, און ביי די ווערטער האט ער גענומען אבשיילען דעם פאמעראנץ פאר איהר'ט וועגען.

זי האט געגעסען, און ער האט איהר פעניצלעך־ווייז צודערלאנגט.

די באהן האט זיך געשטעלט, און דורך דעם וואקזאל האבען זיי זיך ביידע געלאזט געהן גלייך אין שטאדט אריין, אקסעל ביי אקסעל.

א סך גאסען זענען זיי אדורכגעגאנגען, שווייגענדיג צווישען

זיך, דערנאָך האָט ער ערשט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געפרעגט:

— האָסט דו חאַטש גוט געטראָפען?

— יאָ, נישט צו פערזינדיגען — האָט זי געזאָגט — דער מאַן האָט באַלד נאָך דער חתונה געקריגען אַ העלער געהאַלט און אַ חוץ דעם האָט ער אָנגענומען די בוכהאַלטעריי פון נאָך איין געשעפט.

— מילא, אַזוי — האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ — איז דאָך שוין טאַקי נישקשה.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט — מיין מאַן זיצט היינט אויף פרישע לופט.

— וואָס הייסט? דיין מאַן זיצט, נישט דו?

— ניין. ער זיצט, איך זיץ, וואָס איז די נפקה־מינא? אַז דו ווילסט, יאָסעל, קענסט דו אויך אַרויסקומען אַ ביסעל צו אונז.

— נו, וועלען מיר שוין זיצען אַלע דריי?...

— נו, וואָס־זשע מיינסט דו. —

— נו, נו... — האָט יאָסעל געזאָגט, נישט וועלענדיג גלאַט ריידען אין דער וועלט אַריין וועגען אַ זאַך, וואָס קען נישט זיין.

אַז זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ טויער, האָט יאָסעל ערשט דערזעהן, אַז זיי געפינען זיך שוין ביי דעם אָרט, וואוהין זי האָט גענדאַרפט.

— נו, דאָ געהסט דו אַרויף. — האָט ער געזאָגט.

— נו, וואָס־זשע זאָגסט דו, יאָסעל? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

— וועגען וואָס?

— וועגען אַרויסקומען צו מיר אַ ביסעל?

— ווי איך זעה, מוזט דו דיין מאַן שפּירען פאַר גאַר אַ פריינדליכען מענש?... — האָט ער זי געפרעגט.

— קענען וואָס־זשע מיינסט דו, אַז ער וועט זיך בייזערן? נאַר, יאָסעלע, מיין מאַן איז נישט קיין געזונדער און

איהם טויג גארנישט, אז ער זאל זיך בייזערן...

— אזוי? — האט יאסעל שוין אזש געשמייכעלט — איהם טויג גארנישט?...

— נו־זשע, זאגסט דו מיר צו?

— איך ווייס נישט, וועל מיר זעהן. אבער אלענ־פאלס, דיין מאן איז א פריינדליכער מענש, זאגסט דו?

— יא, יא. למען־השם... — האט זי צופרידען איהם געדריקט די האנד מיט א בלישצענדיגער פרייד — קום, דו וועסט נישט קיין חרטה האבען.

זי האט איהם בעשטעלט אויף זעקס פארנאכט זאל ער צוקומען צו איהר, וועלען זיי צוזאמען גלייך ארויספאהרען.

פונקט צו דער בעשטימטער צייט איז ער געקומען און געטראפען זי שוין א צוגעגרייטע צו דער רייזע.

— נו, קום! — האט ער זי גערופען.

— אבער שוויינ־זשע נאר שטיל — האט זי געזאגט — וואס וועט מיין מאן זאגען?

יאסעל האט געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— נו, ביזט דו דיך ערשט אצינד מישב?

— איך ווייס, איך קלער איבער, ער איז א קראנקער מענש און איהם טויג נישט, אז ער זאל זיך קרענקען...

— נו, פאהר איך נישט.

— נו, מילא, ווי דו ווילסט... — האט זי שוין אליין אויך געזאגט.

יאסעל האט פאר זיך אליין א מאך געטהאן מיט'ן קאפ, ווי איינער רעדט: עס איז שוין לאנג צייט געווען, אז ער זאל זיך מיט איהר נישט בעגעגנען. זי האט איהם שוין נישט איינמאל פערפיהרט. גאר קיינמאל האט ער זיך נישט געקענט פון איהר אפרייסען, און אצינד, אט האט זי איהם שוין ווייטער געקריגען אויפ'ן שטריקעל... ער האט אזש פאר גרויס אונרוהיגקייט און נישט צופרידען זיין מיט זיך זעלבסט — א האסטיגען שפיי אבגעטהאן.

„אט דאכט זיך דאך: וואס איז זי דען? א פאווע־קעפע־

לע"—האט ער זיך אין דער שטיל געטראכט, קוקענדיג אויף איהר פון הינטער איהרע פלייצעס מיט א פער'מרה-שחורה'ט פנים—„נו, און פונדעסטוועגען?...״

— יאסעלשי — האט זי איהם געפרעגט כמעט גלעטענדיג מיט די ווערטער — דו ביזט עפעס אויף מיר בייז?...

— ווער, איך אויף דיר? אז דו קענסט נישט, קענסטו דאך נישט!

— ניין, יאסעלשי, איך קען טאקי נישט... דו ווייסט דאך, וואס פאר א פנים וועט דאס האבען פאר מיין מיין, אז איך וועל מיר ברענגען א יונגען מענש צו איהם אין שטוב אריין.

— נו, טא געה-זשע, פאהר-זשע אליין געזונדערהייד.

— נאר ווייסט דו, וואס-זשע איך וויל דיר יא זאגען—האט זי אנגעשטעלט א פינגערל צו די ליפלעך און געווארען א ביסעל, ווי פערטראכט—אט ווען דו זאלסט וועלען א שטייגער ארויסקומען אויף אנ'אינדערפריה צו מיר, א גאנצען טאג געקענט ארום שפאצירען אין וואלד און פארנאכט הויבסט דו דיך אויף און פאהרסט דיר צוריק אוועק אין שטאדט אריין.

— איך ווייס נישט, וואס עס וועט זיין אנ'אנדערש מאל, נאר דערווייל פאהר דיר אוועק דיין וועגס און האב מיר א גוטען טאג, — האט ער געזאגט, שטארקענדיג זיך קאלט צו זיין.

ער האט איהר געגעבען די האנד, און זי האט זיך געזעגענט מיט איהם.

— יאסעלשי, זיי נישט אויף מיר בייז. — האט זי זיך נאך אמאל געבעטען און איהרע אויגען האבען שוין געבלישטשעט און דאס געזיכט איז געווען צושטרייט, קוקענדיג אויף איהם און האלטענדיג איהרע ביידע ווייכע הענד אויף זיינע אקסלען. יאסעל ווידער איז געשטאנען מיט אנ'אראבגעלאזטען, פערוויינטען קאפ און צוגעשמידטע בליקען אנטקעגען-איבער איהר ברוסט און א היץ האט געשלאגען פון זיין אטעם. ער האט געשפירט, אז אויב זי וועט איהם נאך א ביסעל אזוי אנטקעגען שטעהן, וועט ער עס נישט אויסהאלטען, אז ער זאל איהר נישט ארומ-

חאפּען... נאָר דאָסזעלבּע האָט זי אויך געשפּירט, און דערבּאַלט האָט זי זיך לאַנגזאַם בּעפרייט פון איהם, צוגעוואונשען אַ גוטען טאָג, און איידער יאָסעל האָט זיך רעכט אומגעקוקט, איז ער שוין געשטאַנען אַ צומישטער איינער אַליין אין צימער.

„וואַרט נאָר, וואַרט!..." — האָט ער נאָכגעשריגען, ווען איהר געביין איז שוין נישט געווען, און איז בּאַלד אַ צורו־דערטער נאָך אויף דער גאַס צראָב.

ער האָט זי שוין נישט געטראָפען, און האָט זיך געשווינד גענומען דורכשניידען דורכ'ן הויף און הינטער־געסלעך צום בּאַהן־וועג, כדי זי צו דעריאָגען.

אויפ'ן וועג, ווי ער איז נאָר אין עק שטאָדט אַרויס, האָבּען זיך אַ פּאָר פערפלאָנטערטע הינד אַרומגעשלעפּט און אַרומגעוואַלגערט איבּער דער בּרייט פון וועג, און, ווייל ער האָט זיך געאיילט, איז זייער גרעסטע געריים אויסגעקומען פונקט פאַר זיינע טריט, ווען ער איז שוין געשטאַנען גאָר נאָהענט, מיט איין שפּריין צו די הינד, אַזוי אַז ער איז שעור משוגע געוואָרען פאַר אומגעדולד — און מיט איין שפּרונג איז ער איבּער זיי אַריבּער און איז ווייטער געלאָפען.

און אָט האָט ער שוין דערגרייכט דאָס שטיקעל גאַס, וואו די דראָשקעס זענען געפלויגען צום בּאַהן־הויף, און אויף איינער, זעהט ער, זיצט זי מיט דעם קייבּערל אין דער האַנד און דער הוט אויפ'ן קאָפּ, און ווען די דראָשקע האָט זיך געשטעלט און זי איז אַרויס פון איהר, האָט זי נאָך נישט געדווינושעט צו שטע־לען אפילו דעם ערשטען טריט אויף די טרעפּלעך פון אַריינגאַנג אין וואָקזאַל, ווי ער איז שוין געשטאַנען בּיי איהר הינטערווייל'עכס און מיט אַ לייכטען טשעפּ בּיי איהר אַרבּעל זי אָפּגעשטעלט:

— וואַרט!...

זי האָט זיך אַ קוק אום געטהאָן מיט אַ פּאָר גרויסע אויס־געשטעלטע אויגען אין וועלכע, עס האָט זיך דערקענט שרעק און פערוואונדערונג:

— יאָסעל, וואָס טהוסט דו דאָ?

— וואַרט, איך מוז מיטפּאָהרען... האָט ער מיט אַ בּי־

סעל צערשטרייאונג אין פנים, נאר ענטשלאסענהייט אין קול, געזאגט.

— יאסעלשי, וואס־זשע טהוט זיך מיט דיר? דו שעלסט דאך מיך, איך קאן דאך נישט, געוואלד געשריגען, איך קען דאך נישט. — האט זי זיך אזש שיעור נישט צעוויינט:

— נו, טא וואס־זשע דען וועט זיין? — האט ער ערנסט געפרעגט — האסט דען נישט געוואלט פריהער, אז איך זאל מיטפאהרען?

— אבער ערשט האב איך דאך דיר געזאגט, אז דאס קען נישט זיין.

— טא זאל מען פרובירען, אפשר קאן עס יא זיין!

— דו מאכסט מיך אומגליקליך — האט זי שוין אויס פערצווייפלונג אויסגעשריגען — איך האב אין דער־היים א קראנקען מאן, אז ער וועט דערזעהן, ווי איך האב מיך שוין בעצייטענס פערזארגט מיט א פרעמדען יונגעמאן, איז שוין, חלילה, אנ'עק מיט איהם...

יאסעל איז געבליבען שטעהן א בעטריבטער, דערהערענדיג איהרע רייד.

— נו, טא וואס־זשע ווילסט דו? — האט ער שוין אליין געפרעגט.

— איך וויל, אז דו זאלסט נישט מיטפאהרען, מילא, דו ביזט שוין ארויסגעקומען דא אהער, גוט, דו וועסט מיך האבען בעגלייט אין וואקזאל אריין, אבער וויטער קענסט דו נישט.

יאסעל האט אראבגעלאזט דעם קאפ, אונטערגעגעבען זיך איהר ווילען און אזוי איז זי מיט איהם גלייך געגאנגען צו דער קאסע גענומען א בילעט פאר זיך אליין.

נאר דא איז געשטאנען א צו לאנגע רייהע מענשען און ביז אנצוקומען נאך א בילעט האט געדארפט צו לאנג געדויערן, וועהרענד זיי וואלטען ליבערשט די צייט געקענט פערברענגען צווישען זיך. האבען זיי דאס איבערגעגעבען א גוי, וואס דרעהט זיך פאר'ן נאטשאלניק'ס פענסטערל, און זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט אין א זייט שמועסען.

און אט האט שוין דער גוי געקריגען א בילעט. עס האט זיך שוין דערהערט א געקלינגערײ אין וואקזאל. דער הויכער און גראבער באהן-בעדינטער מיט'ן שעלענעם לאמפאס אויפ'ן קאפ און אין דער „קוטשערישער" קאפאטע מיט די מעשענע קנעפ האט שוין מיט א קול, ווי פון א פאס ארויס, אויסגערופען אלע שטעדט און הויפט-סטאציעס, וואו די באהן געהט פארבײ. די טהירען פון וואקזאל אויף דער פלאטפארם ארויס האבען זיך שוין א פראל-אויף געטהאן, די פאסאזשירען האבען זיך א לאז געטהאן אין דער-געשווינדער צום צוג, אזוי, אז עס איז שוין אנגעקומען דער ענטשיידענער מאמענט, ווען זי האט זיך געזאלט שיידען פון איהם. נאר דא איז עפעס געשעהן: איהרע אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט זײנע און זי האט ארויסגעשטאמעלט:

— קום, איך וועל געהן צוריק מיט דיר אין שטאדט ארײן...

דעם בילעט האט זי געלעגט אין קעשענע ארײן און בײדע, נישט קלערענדיג אפילו איין רגע, ווי עס וואלט שוין געווען בײ זײ פון לאנג אנ'אבגעשמועסטע זאך — האבען זײ זיך מיט שווײגענדיגע פנים'ער געלאזט צוריק געהן פון וואקזאל ארויס, דורך דיזעלבע טרעפלעך אראב, און צווישען דער מענגע דראשקעס, טראמווײען און מענשען, וואס זענען געגאנגען צוריק אין שטאדט ארײן, האבען זײ זיך פערמישט און פערשוואונדען געווארען.

צומארגענס אין דערפריה, ווען זי איז אליין געקומען אויף איהר זומער-וואוינונג און געגאנגען מיט דעם קײבערל אין דער האנד און דעם הוט אויפ'ן קאפ צו איהר שטוב, האט זי ארום דעם הויז גארנישט בעמערקט עפעס אונגעוועהנליכעס. אלץ איז געווען שטיל. די צווײגלעך אויף די בוימער האבען צו די פענסטער אראבגעקוקט, און זײ דעסגלײכען האבען פערהילט אין שאטען געגלאנצט מיט א טונקעלען גלאנץ צווי-

שען די בוימער אריין, פונקט ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען. נאר ווען זי איז אין שטוב אריין און נאך נישט קיין צייט געהאט די טהיר צו פערמאכען, איז זי א פערגליווערטע געבליבען פון שרעק און ארויסגעלאזט א שניידענדיג געשריי.

ביינאכט האט איהר מאן געקריגען א בלוט-שטורץ, האט ער זיך געשטארקט, איינער אליין, צו ליעגען רוהיג אויף די פלייצעס, מיט'ן פנים ארויף צום בעליק און מיט א פערמאכט מויל. נאר אזוי ווי דאס בלוט האט נישט געוואלט אויפהערען אנצוקומען, איז ער אזויערנאך געבליבען ליעגען א דערשטיקטער מיט א פול פערמאכט מויל מיט פערגליווערט בלוט.

זי האט זיך, ווי אין משוגעת, א ווארף צו געגעבען צום פענסטער, אויפגעריסען עס, דער הוט האט שוין געמאכט מאדנע לופט-שפרינגען אויף איהר קאפ, ווי ער וואלט איינגאנצען געוואלט אראבשפרינגען פון איהר, איבער איהר ווארפען זיך און שרייען דורך דעם אפענעם פענסטער אין גאס ארויס.

נאר ביי די ארומיגע איינוואוינער איז שוין א זעלכעס קיין נייעס נישט און קיינער האט נישט געוואלט איהר קומען צו הילף. פערקעהרט, אין איין דערביייאיגע ווילע האט זיך באלד דערויף בעוויזען אין דארטיגען אפענעם פענסטער אנ'אויסגעשטרעקטע פרויען-האנד און פערמאכט דאס פענסטער שטארקער, אז די קולות פון ארום א געשטארבענעם זאלען זיך צו איהר אין שטוב נישט אריין, און אפשר איז שוין דארט אויך געלעגען איינער, וואס מען טאר איהם נישט בעאונרוהיגען...

געשאקעלט מיט די קעפ האבען נאר טייל, וואס זענען געשטאנען אויף דער גאס, און געזיפצט צווישען זיך:

— אודאי איז נישט גוט אזא לעבען, מען פאהרט ארויס פון דער-היים ביינאכט און אז מען קומט צוריק אין דער-פריה טרעפט מען שוין יענעם טויט...

און דאס יונגע ווייבעל האט שטארק געקלאגט. זי האט געקלאגט ערשט אויף איהר גאנצער יוגענד, ווי אזוי זי האט זי פערברענגט און ווי אזוי עס וועט איהר ערשט אויסקומען

ווייטער צו פערברענגען. צו וואס זי האט געשטרעבט און צו וואס זי האט דערגרייכט. געשטרעבט האט זי גאט ווייסט צו וואס, און גענומען האט זי גאר א בוכהאלטער, און דאס אויך נאר א קראנקען. און האט זי עס שוין יא דערגרייכט, האט זי זיך נישט קיין צייט געהאט אפילו דערמיט רעכט אנצופרייען. וואס פאר א פרייד איז ביי איהר געווען, ווען דער מאן האט געקריגען א הוספה אין דעם געשעפט, וואו ער האט געארבייט — און נאך מעהר, ווען ער איז געקומען מיט עטליכע וואכען שפעטער איהר אנזאגען א בשורה, אז ער האט אנגענומען א צווייטע שטעלע צו דער ערשטער צו, און ער וועט נאך אמאל האבען עטליכע שעה בעשעפטיגונג אין טאג. און ענדליך, ווען ער האט זי אויף א זומער-וואונונג ארויסגעזעצט און זי האט אין די ערשטע עטליכע טעג פאר גרויס פרייד נישט געוואוסט וואס צו טהאן און האט גאנצע מארגענס און פארנאכטען ארומגעשפאצירט אין שלאפראק צווישען די בוימער און אויפגעהערט יעדען שארך פון יענער שטילקייט ארויס, בשעת א ווינטעל ציהט פארביי איבער די שפיצען בוימער, אדער בשעת גאר א שישקע פון א בוים פאלט פלוצלונג מיט א קלאפ אויף דער ערד, און עס פאלט צוריק א טיפע שטילקייט אויף דער גאנצער ארומיגקייט.

זי האט בעקלאגט איהר טויטען. אויסגעטהאן דאס בראסלעט'ל, די פינגערליך, דאס שפילקעלע פון איבער דער ברוסט. זי האט אויך בעקלאגט אפילו דאס פלעשעל טראן, וואס איז געבליבען שטעהן אויפ'ן פענסטער ווי פער'יתום'ט און ער האט עס נישט אפילו דערענדיגט... זי האט אויך בעקלאגט איהר נייע שאפע מיט מלבושים, איהר גאנץ ווירטשאפט, און אין אלגעמיין — ווער עס וועט איהר שוין ערשט געבען אויף דעם אלץ...

נאר ארום צוויי, דריי נאך-מיטאגס, ווען די זון האט שוין געהאט אריבערגעשפאצירט איבער די שפיצען בוימער פון פאר איהר פענסטער, בעהאלטענדיג זיך צווישען זיי, און אויף דער ערד אין שטוב, הינטער איהרע פלייצעס, איז שוין געלעגען

דער טויטער, איבערגעדעקט מיט א שווארץ טוך, איז זי שוין פונדעסטוועגען געזעסען מיט'ן פנים צום פענסטער, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איהר האַנד־פלעכע — און געטראַכט וועגען דער נעכטיגער נאַכט, וואָס זי האָט פערברענגט אין אַ האָטעל, און וועגען דעם, ווי איהר יאָסעלע וועט זיך דערפרעהען, בשעת זי וועט איהם אַריינשיקען אויף איזור'ס אַ וויזיט־קאַרטעלע אויפגעשריבען די טרויריגע בשורה:

„מיין טייער יאָסעלע, מיין מאַן איז מיר געשטאָרבען"...

דאָס וועט זי איהם שיקען אויף איהר'ס אַ בעזונדער קאַרטעלע, פון די, וואָס ליגען אין אַ בעזונדער שופלעדעלע נאָך פון דער מיידעלשער צייט...

און דערנאָך, ווען ער וועט אַראָבקומען צו איהר, וועט ער זי טרעפען אין טוליענעם טרויער־שלייער און אין שוואַרצען סאַטינדיליאָן־קלייד ליגען אויף איהר רויטער פּלושענער סאָפע...

דער קיטעל.

דער קיטעל.

אין אַ ווינקעל פון מאַרק שטעהען מענשען מיט שטילע ערנסטע אַבוואַרטענדיגע געזיכטער.

זיי קעגען־איבער ברענען ליכט אין אַ פענסטער, די פלעמלעך קוקען מיט אַנ'אַרימער עניוות צום שענעם העלען טאָג אַרויס. די זון אין בלויען הימעל קוקט אַראָב, ווי פער־וואונדערט אויף די קרומע נידעריגע הייזלעך, אויסגעקרומטע גריגע דעכלעך, אויף די מענשען, וואָס קוקען און וואַרטען... זי וואָלט געפרעגט וואָס בעטייט עס, און וואָס טויגען נאָך די בלינדע ליכטלעך בייטאָג?

די טהיר פון הייזעל עפענט זיך. אויסבויגענדיג די מטה, שטופט מען אַ בר־מנן פון דער איינגער טהיר אַרויס. ווייבער שרייען, מענער קרימען די פנים'ער, אָט איז די מוטער; מען רייסט זי קוים אָב פון דער מטה. אָבגעריסען, שלאָגט זי זיך אין קאָפּ אַריין.

שטיל געהט נאָך דער פאָטער, אַ הדרת־פנים מיט אַ שניי־ווייסע באָרד. ער געהט רוהיג און אין זיך פערטיעפט נאָך דער מטה. דאָס לעצטע מאָל מיהט ער זיך היינט פאַר זיין קינד, דאָס לעצטע „גמילת חסד“! און מיט כונה טהוט ער

עס: לאנגזאם, טרויעריג, מיט דער רעכטער האנד אויף דער מטה. ער הערט קוים דאס געשריי פון די ווייבער און דאס געקלאנג פון דער צדקה־פושקע.

מען נעהמט זיך אריין אין א זייטיגע גאס. א שטויביגער דארפישער וועג, ווייט איינס פון צווייטען שטעהענדיגע הייזער מיט פרעהליכע בלומענטעפ אין ליכטיגע פענסטער. דער עולם הויבט זיך אן איילען, דער שטויב ווערט גרעסער. דער פאטער דערפיהלט א שטאך אין הארץ: וואס איילען זיי אזוי? איהם ווילט זיך, דער וועג זאל זיין לענגער, וואס לענגער ——————

* *

*

מען קומט צום בית־עלמין.

א פריש בערגיל ערד. פון אפענעם קבר קוקט איבער'ן בערגיל אריבער א קאפ מיט א גרוי בערדיל און קליינע פונקעל־דיגע אויגעלעך. דאס איז דער קברן, וואס טאר נישט לעהר לאזען דאס קבר. אצינד שפרינגט ער ארויס. די מטה שטעלט זיך אב און חברה־לייט גלייכען אויס די „בגדים" אויפ'ן בר־מנן, פאר'ן אראבלאזען. דער פאטער דערזעהט דעם קיטעל און פער־טראכט זיך נאך טיעפער.

עס גיט איהם א שפיעל אין אויער... פאר דער חופה... דער מחותן שרייט: דעם טפל אן א זייט, מען דארף דעם עיקר נישט פערגעסען! מעהר באס. מען טהוט אן דעם חתן דעם קיטעל... זיין זוהן אין קיטעל. ווי קליין און מאגער זעהט ער אויס אין קיטעל; ער איז צו ברייט, בפרט די ארבעל; די הענדטעלעך זעהען אזוי מאגער אויס! און דאס קליינע קעפעל, ווי עס לאזט זיך אראב אין גרויסען קאלנער אריין ——————

דאס מצוה־טענציל... קונציג, נאר צופיעל... שוין... אוועקגעפיהרט... די טהיר פערמאכט...

— טאטי, ס'איז פינסטער! ס'האט ער ארויסגעשריגען.

* *

*

פערשיט איז דאָס קבר, די ערד פערגלייכט. דער עולם צוגעהט און דער אַלטער שטעהט און הערט.

— טאַטי, ס'איז פינסטער!

— וואָס לאָזט דו מיך אַליין אין דער־פינסטער?

ניט בעשערט.

ניִשט בּעֶשעֶרט.

(אַ מעשה).

אַלעֶ דרייַ זעֶנעֶן זיִך געֶוועֶן גאַנץ ניִשקשה'דיִגעֶ בּעלי־בּתים איִן שטאָדט. איִן דעֶר יוגעֶנד האָט איֵינעֶר געֶהאַנדעֶלט מיִט וולאָטשקעֶ און מיִט גאַרעֶן, געֶפאָהרעֶן אויף ירידיִם מיִט אַ טעֶשעֶל סחורה, בּיִז גאָט האָט איִהם געֶהאָלפעֶן צו אַנ'איֵיגעֶן געֶוועֶלב. דעֶם צווייטעֶן האָט אויך גאָט געֶהאָלפעֶן: עֶר האָט פריִהעֶר ניִשט פעֶרמאָגט מעֶהר ווי צוויי פעֶסלעֶך, וועֶלכעֶ עֶר האָט געֶהאַט שטעֶהן אונטעֶר'ן פרייַעֶן היִמעֶל און דאָרט האָט עֶר געֶווייקט פעֶל, און דעֶרנאָך האָט עֶר שוין פעֶרמאָגט אַנ'איֵיגעֶן פאַבּריִקעֶל מיִט טהיִרעֶן און ריִגלעֶן. דעֶם דריִטעֶן, אַ שנייַדעֶר איִז עֶר געֶוועֶן, האָט דעֶסגלייַכעֶן גאָט געֶהאָלפעֶן, און נאָך איִן די יונגעֶ יאָהרעֶן האָט עֶר זיִך פעֶרמאָגט אַ שטיִקעֶלעֶ נחלה.

איִז דעֶר שנייַדעֶר געֶזעֶסעֶן און האָט זיִך געֶשטעֶפּט זייַנעֶ וואַטעֶס אויף דעֶם נייַה־מאַשיִנדעֶל, דעֶר גאַרבּעֶר האָט געֶווייקט פעֶל, און דעֶר געֶוועֶלבּניִק האָט אַרויסגעֶלעֶגט די וולאָטשקעֶ אויפ'ן לאָדעֶנדיִל פאַר'ן געֶוועֶלב, און אַרייַנגעֶנומעֶן זי צוריִק איִן געֶוועֶלב, אַזוי, אַז קונים זאָלעֶן זעֶהעֶן און קומעֶן. אַזוי אַלעֶ טאָג, און אַלעֶ דרייַ בּעלי־בּתים זעֶנעֶן זיִך געֶוועֶזעֶן בּעֶשעֶפטיִגט יעֶדעֶר איִן זייַן וויִנקעֶלעֶ, מעֶן האָט זיִך אפילו ניִשט

קיין צייט געהאט אנצוקוקען איינער דעם אנדערן, אפילו קיין קוק נישט אויף דער גאס ארויס; וויפיעל, צום ביישפיעל, מאל האט שוין געקענט די זון אויף אונטערגעהן, צייט ווען זיי לעבען? און יעדער איז זיך געווען פערטהאן עפעס אין שטארקע הויכע געדאנקען וועגען א גרויסען תכלית אויף דער וועלט.

און אט איז געקומען די עלטער און אלע דריי האבען זיך געטראפען אין בית־המדרש אויף דער באנק, שוין מיט גרויע בערד, זיצענדיג און ווארימענדיג זיך פאר'ן אויווען.

זיי האבען זיך דעמאלט אליין נישט געקענט פארשטעלען, ווי אזוי גאט האט זיי ווייטער צונויפגעפיהרט עפעס, ווי גאר קליינערהייד, ווען זיי האבען זיך געשפיעלט אין שטרולקעס און אין זאמד...

— הא, נישט דא די אמאליגע כחות, — האט איינער געזיפצט, קוקענדיג אויפ'ן צווייטענס בארד.

— מא... — האט דער צווייטער אבגעשאקעלט מיט דער האנד.

און דער דריטער האט געזאגט, קוקענדיג מיט א טונקעל אויסגעלאשענעם בליק אויף דער שויב פון בית־המדרש:

— ס'איז שוין היינט גארנישט די איינענע וועלט...

אלע דריי האבען זיך פונאנדערגע'שמועס'ט וועגען אמאליגע צייטען, ווי ס'איז געווען א גראשען א קווארטירעל בראנפען; ווי אויף אלע וועגען זענען געווען גאסט־הייזער און עם האבען זיך דארט אבגעשטעלט ברייטע אנגעלאדענע בריקעס סחורה. און היינט איז שוין אוים די פערצייטישע וועלט. ס'איז שוין גארנישט געבליבען. אבער לגמרי גארנישט.

אלע דריי האבען געשאקעלט מיט די קעפ.

— און ס'איז שוין גארנישט דא וואס צו טהאן... — האט זיך איינער בעקלאגט.

— איך וואלט שוין אוועקגעפאהרען קיין ארץ ישראל...

— איך אויך, — האט דער צווייטער געזאגט. — און אלע דריי האבען ווייטער צוגעשאקעלט מיט די קעפ. דערנאך האבען זיי זיך אלע אויפגעהויבען און זענען זיך אהיים געגאנגען.

און דער ערשטער האט דער שניידער געמאכט א טענה מיט זיין ווייב, הינדע די קאפקע-מאכערין, א הויכע יודענע מיט צוויי לאנגע דארע הענד, מיט שפיציגע אקסלען.

— הינדעלשי — האט ער זיך געקלאגט פאר איהר — דו זעהסט דאך, איך בין שוין אויף דער עלטער, ס'איז מיר שווער אלע טאג בעגינען ארויסצוקריכען פון בעט אין אזא קעלט און געהן אין בית-המדרש אריין זאגען תהלים...

דאס ווייב האט איהם אנגעקוקט, און האט מיט א שטיל בלישטשעל אין די אויגען צוגעגעבען:

— נו וואס-זשע ווילסט דו?

— גארנישט, אין ארץ ישראל, זאגט מען, איז א ווארים לאנד...

— נו, פאהר! — האט זי געזאגט.

— און דו?

— איך וועל מיר פאהרען אויף מיינע רייזע-קאסטען בעזונדער.

דאס ווייב מיט דעם מאן האבען זיך גאנץ גוט פערשטא-נען. ווארום צווישען זיי ביידען פיהרט זיך שוין פון לאנגע יאהרען א מין אבגעזונדערטקייט אין אלע זייערע זאכען. פון צייט דעם פוילישען אויפשטאנד אן: דאס איז נאך גאר אין דער יוגענד געוועזען, ווען ער האט איינמאל אין איין יאהר פערדיענט א סך געלד ביי קנעפלעך אנגעהען אן די פראקלעך פון פוילי-שען מיליטער — האט זי איהם נישט פערגונען, אז ער זאל זיין דער גאנצער נגיד אין שטוב, און זי האט זיך אנגעהויבען צו לעבען בעזונדער, מיט א בעזונדער טעפעלע, מיט א בעזונדער יויכעלע, און האט איהם געוויזען, אז זי קען אויך אנקלויבען שען געלד פון איהרע קופקעס מאכען. און אזוי איז עס שוין געבליבען אויף זייער גאנץ לעבען בעזונדער. ער האט זיך גע-קאכט זיין יויכעלע, און זי — איהר יויכעלע. ער האט איהר'ס נישט אבגעשוימט, נישט אבגערוקט פון פייער, האט עס גע-מעגט אפילו לויפען. און זי איהם זיינס — דעסגלייכען נישט.

דער צווייטער, וויטער, דער געוועלבניק, האט אויך נישט

געזאָגט קיין גרוים צוזאַמענשאַפט מיט דעם ווייב. ער פלעגט אויף איהר קוקען זייטיג, ווי אויף אַ יודענע, אויף אַ גוטע שכנ'טע פון אַמאָל, נאָר אויף דער עלטער איז עס אַנ'איבעריגע זאַך. דערצו האָט זי געגעבען נאָך אַ בעטש אַרוים, ווען זי האָט געהערט, אַז ער וויל אַוועקפאָהרען קיין ארץ־ישראל:

— ווי קען מען עפּעס אַוועקפאָהרען פון קינדער...—

און זי האָט זיך אַזש צושאָקעלט, וויינענדיג.

נאָר דעם גאַרבערס ווייב האָט שוין צום מאַן אַזוי געזאָגט:

— וואו דו וועסט פאָהרען, וועל איך אויך פאָהרען, און וואו דו וועסט ליעגען, וועלען מיינע ביינער אויך דאָרט ליעגען.

און אַלע פינף: דער גאַרבער מיט'ן ווייב, דער שניידער מיט'ן ווייב, חאַטש בעזונדער, און דער געוועלבניק, איינער אַליין, האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען די פעקלעך אין וועג אַריין. און אין איין שענעם פריה־מאָרגען האָבען אַלע דריי אָבגעשריבען די קינדער די פערמעגענס, גענומען זיך נאָר צו ביסלעך געלד אין די קעשענעס אַריין, מיט די פעקלעך אונטער די אָרעמס, און די שטאָדט איז זיי נאָכגעגאַנגען אַרוים בעגלייטען איבער דער בריק.

האָבען צום ערשטען געמאַרשירט די רייזענדע. נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען דער רבי און דער רב מיט נאָך שענע מענשען פון שטאָדט. און נאָך די אַלע ערשט—ווייבער צדיקות'טעס, מיט פישטשענדיגע אויגען, ווישענדיג זיי מיט די פאַרטוכער:

— למעה"ש — האָבען די ווייבער זיך געזעגענט מיט יענע צוויי ווייבער — איהר זאָלט נישט דאָרטען פערשלאָפען די טעג, איהר זאָלט געהן אויף די מאַמע רחל'ס קבר און איהר זאָלט איהר זאָגען, אַז זי זאָל שיקען אַ ישועה אויף איהרע קינדער.

— און מיר — האָט זיך אַ יונג ווייבעל אַריינגעריסען—

אַז איִך זאָל שוין דאָס הײַ־יאָהריגע יאָהר געהאָלפען װערען מיִט דער גאַנצער היִלף.

— יאָ, יאָ... האָבען אַלע װײַבער צוגעפּיִשטשעט. עס האַלט זיִך איִהר נעבעך ניִשט קײַן קינדער.

— און מיִר — האָט נאָך איינע געשריגען, — אַז דער רבונו־של־עולם זאָל שוין דערהערען מײַנע פּײַן. אַזױ װי בײַ אונזער מאַמע חנה שטעהט: דו זאָלסט מיִך ניִשט אָנגעהמען פאַר שכור און אַז איִך רײד פון שכרות: נאָר פון צרות שאָקלען זיִך מײַנע לעפּצען...

— זאָגט איִהר טאַקי אָן, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל שוין טאַקי עפענען איִהר טראַכט... — האָבען אַלע װײַבער צו־געשאָקעלט מיִט די קעפּ און נאָך מעהר געפּיִשטשעט מיִט די אויגען.

ביִז יאָשוּקעל די קאַראַליִנעס, װאָס האָט געװאוינט בײַ דער בריִק, איִז געקומען אַרױסצוגעהן פון שטוב, ערשט פון אַ חזר קײַלען, נאָך מיִט אַרױפגעשאַרצטע העמד און פאַרפּעצטע עלענבױגען און האָט זיִך געפרעגט:

— צאָ טיִליע זשיִדי?

האָט מען איִהם געזאָגט.

האָט ער דרײַ מאָל אָבגעשפּיִגען:

— זאָלען זײַ שוין אַמאָל געהן, זאָלען זײַ שוין אַמאָל אַװעקפאָהרען אַלע יודען קײַן „פּאַליעסטינע,“ — און ער האָט זיִך צוריִק אָבגעקעהרט איִן שטוב אַרײַן.

דערמאָלט האָט אויך חיים שמעון, דער געװעלבניִק, אויפ־געהויבען זײַנע אויגען, שוין נאָכ׳ן אָבגעזעגנען זיִך מיִט אַלע, און דערזעהענדיִג צום לעצטען מאָל נאָך די קױל אויף דעם שפּיִץ פון דער קירכע — האָט ער אויך דרײַ מאָל אָבגעשפּיִגען, אָבגעזאָגט שטיִלערהײד אַ פּסוק, װאָס בעציִהט זיִך צו די געצען־דיִנער, און אַרײַנזעצענדיִג זיִך איִן דעם פוהרעל, װאָס איִז שוין געשטאַנען אָנגעגרײט פאַר אַלע פיִנף פערשױנען — האָבען זײַ אָנגעהױבען אַװעקצופאָהרען און איִבערגעלאָזט די גאַנצע שטאָדט היִנטער זיִך.

האָט דאָס שטעדטעל צוריק אָבגעקעהרט אַהיים אין גרויס טרויער, וואָס כויכול השכינה וואַרט אַזוי לאַנג און נעהמט זיי אַלע קינדער נישט אַהין, אַזוי ווי יענע אַלטיטשקע; אַז זיי זאָלען אויך קענען דאָרט גאָט לויבען דורך תהלים-זאָגען און לערנען משניות. ווייטער מעהר פערלאַנגען זיי גאָרנישט ביי דעם רבונו-של-עולם.

און ווי עס איז געקומען אויפ'ן דריטען טאָג, האָט זיך פאַר אונזערע פינף אַלטיטשקע בעוויזען שוין דער ים און די שיף, אין וועלכער זיי האָבען געדאַרפען איינזיצען, זענען אַלע בשלום איינגעזעסען, אַראָבגעקראָכען עפּעס אויף שטיגלעך געלאַסען, אַז קיינער זאָל זיך, חלילה, קיין בראָך נישט טהאָן, קיין בויג און קיין גליטש נישט געבען. נאָר פאָרזיכטיג צוהאַלטענדיג זיך בּיי'ם פאָרענטש, ווי אַזעלכע, שטייגער, אַלטיטשקע, וואָס דאַרפען זיך שוין צו היטען דעם קערפער פון יעדער שטרויכלונג.

און ווי זיי זענען שוין אינעווייניג געזעסען, האָבען זיי צו גאָט זייערע אויגען אויפגעהויבען און אַ ביסעלע לייכטער אָבגעעטעמט. די גאַרבערין האָט געמאַכט אַ שמועס מיט דער קופּקע-מאַכערין וועגען דעם, ווי אַ ים, מוז זיין, איז באַלד אין עק אפשר אויף טויזענד איילען טיעף, און אויך חיים שמעון דער געוועלבניק האָט זיך פערטראַכט מכּח דעם, ווי אַ האַק האָט שוין געהאַלטען אין איין פאַלען פון גאַנצע זיבען יאָהר צייט און איז נאָך אַלץ נישט צו קיין גרונד געקומען... און דעם פויגעל, וואָס איז געשטאַנען דאָרט אין וואַסער ביז צו די קנעכלען — היינט-זשע, ווי גרויס האָט שוין געקענט זיין דער גאַנצער פויגעל! ער האָט אַזש צוגעמרישעט די אויגען, און האָט זיך ביי קיין פאַל נישט געקענט אָבגעבען קיין קלאָרען רעכענונג.

און אַלע פינף האָבען זיך געלעגט שטיל, בשותפות'דיג אינאיינעם. און עפּעס ווי אַנ'אונטערטעניגקייט איז אויף זיי געקומען, אַרויסקוקענדיג פון זייער ווינקעל, וואו זיי זענען געזעסען, אויף דער גאַנצער שיף.

עס האָט אויפגעהערט דאָס גאַנצע בעל-הבתיש'קייט מיט

דער ברייטקייט פון דער-הַיִם, און אַלע זענען זיך אונטערטעניג געוואָרען. און שטיל, אויף די שפּיץ נעגעל איז איינער געקראָכען פאַר'ן צווייטען.

אפילו דער שניידער מיט'ן ווייב האָבען דאָ פערגעסען אָן זייערע חשבונות, האָבען זיך געלעבט ווי צוויי טייבעלעך, גענעסען זיך פון די פּיסקלעך אַרויס, און זי האָט שוין דאָ ניט געקוקט קיין נפקא-מינא: איהר יוכעלע, צו זיין יוכעלע.

נאָר דער גאַרבער אַליין מיט דעם ווייב, אַזוי ווי זיי זענען זיך איינגעזעסען, אַזוי זענען זיי ווייטער געוועזען. באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן געזעסען מיט פערבּרענטע ליפּען און פערטונקעלטע געזיכטער און געקוקט צו דער שיף'ס קליינעם פענסטערל, וואָס איז געוועזען איבער זייערע קעפּ.

און ווי עס איז געקומען אויפ'ן צווייטען טאָג, און די שיף האָט זיך אָנגעהויבען אַ ביסעלע אונטערצוויגען, האָט חיים שמעון דער געוועלבּניק אַ קוק אַרויס געגעבען מיט איין אויג דורכ'ן פענסטערל איבער'ן ברייטען ים אַרויס, איז איהם דאָס לייב איינגעקאָרטשעט געוואָרען און מיט אַ וואַסערדיגען בליק האָט ער אַרויסגעקוקט און געריבען איין האַנד אָן דער אַנדערער, דערמאָנענדיג זיך אָן דעם פריטאָג-פאַרנאַכטיגען „הודה״, ווי זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אויף די הויכען און אַראָבגענידערט אין די טיפענישען פון ים, און זיי האָבען זיך געוואַקעלט, ווי שכור, און זייער גאַנצע חכמה איז צוניִשט געוואָרען. אַ דערמאָלט האָבען זיי געזעהן גאָט'ס ווערק און זיינע וואונדער אין די טיפעניִשען... — האָט חיים שמעון געגעבען אַ שטאַרקען זיפץ אַרויס. און ווי דער שניידער האָט דערזעהן, אַז חיים שמעון זאָגט עפּעס מיט אַזאַ שטאַרק איינגעטיפט געמיטה אין זיך, האַלטענדיג אָנגעשטעלט די אויגען מיט אַזאַ וואַסערדיגען בליק קעגען דעם ווענדטעל פון דער „קאַיוטע״ — האָט עס איהם אַזש ביים האַרץ פערקוועטשט, און ער האָט זיך אַרויסגענומען זיין תהלים'ל פון זעקעל און איינגעקאָרטשעטערהייד אין אַ ווינקעלע האָט ער זיך אויך אָנגעהויבען מיט אַ שטיל און קלאָגענדיג געבעט אָן גאָט זיך צו בעהעפטען, און ווי דער גאַרבער האָט

אויף די ביידע לייט א קוק געגעבען, איז איהם דאס הארץ איינגעפאלען און ער האט אויך אנגעהויבען עפעס שטיל צו זאגען, וואשענדיג די הענד אן דעם שייבעל פון דער „קאיוטע". איז געווארען א שטיל געבעטעריי, און די ווייבער, וואס האבען דאס צוגעקוקט און גאר נישט געקענט העלפען צו זייערע גרויסע צרות נעבעך, האבען זיי אנגעהויבען האטש מיט די קעפ צו צו־שאקלען, און ס'איז געווארען א געזיפצעריי, אז מען האט געמיינט, אז די שיף פלאצט שוין.

נאר דעמאלט האט זיך חיים שמעון דער געוועלבניק דערמאהנט אן אנ'אנדער'ן פסוק: „ווי עס זענען שוין געשטילט געווארען די וועלען און גאט האט זיי ארויסגעפיהרט אויף דער טריקעניש צו זייער הארץ־גליסטיגונג", א, דעמאלט איז געקומען א ישועה און א דערלייכטערונג צו דער גאנצער שיף, און אין עטליכע טעג ארום האט זי זיך שוין בשלום אבגעשטעלט ביי דעם בארטען פון יענער זייט ים. און חיים שמעון מיט דעם שניידער און דער גארבער און די צוויי ווייבער האבען זיך מיט די פעקלעך שוין ווייטער געטראגען, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין „ארץ ישראל".

האבען זיי אנגעהויבען ארומצוקלעטערן, וואו מען האט זיי געפיהרט: דעם ערשטען טאג — אויף דער מאמע רחל'ס קבר, דעם צווייטען טאג אויף ר' שמעון בר יוחאי'ס קבר, און אויפ'ן דריטען טאג צו דער „מערת המכפלה". און זיי זענען שוין אויסגעווען אין אלע גוטע ערטער, וואו די ארץ־ישראל־ווייבלעך מיט די ארץ־ישראל־טיכלעך אויף די קעפ האבען זיי ארומגערינגעלט אפשר מיט טויזענד בלעכענע פושקעס און האבען ביי זיי גענומען געלד אויף בלויז הייליגע זאכען: אויף בוימעל ברענען און אויף קנייטלעך לעגען, מעהר נישט... און זיי האבען זיי די קעשענעס אויסגעשאקעלט, און דאס קליינע קאמפאניעלע פון „חוץ לארץ" האט שוין נישט געהאט מיט וואס און וואוהין ווייטער צו געהן. זיי זענען שוין אומעטום אויסגעווען אין די עטליכע טעג און אצינד דארפען זיי שוין נאר תהלים זאגען.

זיִצען זיי איין טאָג און זאָגען תהלים און דעם צווייטען טאָג און זאָגען תהלים און דעם דריטען און זאָגען תהלים. בּיז עס ווערט אַ בּיִסעלע „פריקרע" אויף די הערצער, און דער שניידער מיט דער קופקע־מאַכעריִן קאָכען זיך שוין צוריק בּעזונדערע טעפּעלעך, יעדערער זיין יוֹכעלע פאַר זיך.

און טאָג־טעגלעך ווערט שוין פערבּלאָנדזעט איינער צום אַנדערען אויף אַ וויזיט, און שטילערהייד זיפצענדיג, הויבּט מען זיך אָן אויסצורײדען, וועגען דעם, וואָס די קינדער מאַכען דאָרט, און עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מען איז אַזוי פערוואָרפען געוואָרען... בּיז וואַנען אַלע האָבּען זיך צו־נויפגע׳שמועס׳ט אויף צו פאָהרען צוריק אַהיים. מילא, וואָס קענען זיי טהאָן, עלענדע מענשען, גאָט וועט זיי געוויס מוחל זיין.

און אַז פאָהרען, מוז מען וואָס שנעלער. ווארום אַז ניִשט — איז קיין געלד שוין בּאַלד ניִשטאָ אויף צוריק.

פּאַקען זיי זיך צוריק די פעקלעך איין און מען הויבּט זיך אָן צו צושלאָגען צו דער שיף. און מען גנבֿ׳ט זיך שטילער־הייד בּייּנאַכט צוריק אַריין אין אייגענעם געבּוירענעם שטעדטעל אַריין, און מען זאָגט זיך אפילו קיין גוטע נאַכט ניִשט — יע־דערער אַנטלויפענדיג אין זיין געסעל אַריין.

צומאָרגענס אין דער־פריה האָט שוין דאָס גאַנצע שטעד־טעל געראַוישט, אַז דער עולם איז צוריק געקומען.

און עס האָט זיך געטהאָן: אויף טיש און אויף בּענק.

יעדערער האָט געדענקט דעם גרויסען כּבוד, וואָס מען האָט זיי אָבּגעטיילט בּיים אַרויספאָהרען, ווי דער עולם האָט זיך געקושט מיט אַ פּראָסטען גלאָטען שניידער און די רבּי׳צין מיט אַ קופקע־מאַכעריִן... נאָר ס׳איז דאָך שוין אָבּער געווע־זען פערפאַלען.

זענען די צוריקגעקומענע לייט געזעסען אין שטוב, ניִשט אַרויסגעטרעטען אויף דער ליכטיגער שיין. ערשט ווען דער עולם איז שוין אַ בּיסעל דערצו געוואוינט געוואָרען, האָבּען זיי ערשט געוואָלט די שטאָדט מפית זיין — האָבּען זיי אָנגעהויבּען אויפ־

צופּאַקען זײַערע פּעקלעך און אַרויסגענומען פון דאָרט ארץ־ישראל־זאַכען. דאָס ערשטע האָט חיים שמעון דער געוועלבניק אַרויסגענומען אַן׳עץ־החיים׳ל — פאַר דעם האָט ער אַ ארץ־ישראל יוד מיט אַ שענער געלער באָרד, וואָס האָט איהם אײַנגערעדט, אַז דאָס „עץ־החיים׳ל״ איז אַן׳איבערבלײַבונג פון „בית שני״, בעצאָהלט שען געלד — און דאָס שענקט ער אַוועק אין אַ שוהלכעל אַרײַן אויף אַ ספר־תורה. דער גאַרבער האָט זיך ווײַטער געבראַכט אַ זײַדענעם שלאָפראָק — וואָס ער פלעגט אין איהם דאָרטען געהן אינדערוואָכען אָנגעטהאָן — שענקט ער איהם אַוועק אויף אַ פרוכת אין דעמזעלבען שוהלכעל אַרײַן צום ארון־קודש. און דער שנײַדער ווײַטער האָט זיך געבראַכט אַ פאָר בלויע הויזען. די מעשה איז אַזוי געוועזען: אויף דער שיף איז ער געגאַנגען אין בעדעל אַרײַן, האָט מען איהם זײַנע אַוועקגע׳גנב׳עט, ווען ער האָט זיי אויפגעהאַנגען צום אויסבריהען — האָט ער זיך בײַ דעם ברעג פון „סטאַמבול״, ווען די שיף האָט זיך געשטעלט, און חיים שמעון דער געוועלבניק האָט בעטראַכט די אינזעל, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון דעם מלאך׳ס פאָר שטעקעלעך, וואָס ער האָט אַרײַנגעשטעקט אין געמויזעכטס פון ים — האָט איבער דער צײַט דער שנײַדער זיך אָבגעקויפט אַ פאָר אַנדערע הויזען בײַ אַן׳אַלטען טערק, וואָס איז געשטאַנען מיט זיי, מיט אַן׳אויפגעהויבענעם קאָפּ קוקענדיג אויף דער אָנגעקומענער שיף און געראָבערט אַ לולקע. אָט אויף אַזאַ אַרט איז עס. נאָר דער שנײַדער — צו וואָס קען ער שענקען די הויזען, זענען זיי געבליבען ליגען בײַ איהם אין שטוב, און ערב־פסח האָט מען זיי אַרויפגעלעגט אויפ׳ן בוידעם.

קומען אָבער אין דעם זומער אַראָבצופאָהרען אַ גרויסע יודישע אַקטיאָרען, וואָס פאָהרען איבער קלײנע שטעדטלעך, און מען דאַרף שטעלען בר־כוכבה. און דאָ פערמאָגען זיי נישט, וואָס מען דאַרף האָבען צום אָנטהאָן זיך און אויף דער סצענע אַרויף — האָט מען אַ בעט געגעבען חברה־קלײנוואַרג, אַז אפשר ווײסען זיי עפּעס, ווי מען קען שאַפען די אַלע זאַכען.

האָבּען זײַ ניִשט לאַנג וואַרטענדיִג, אַרײַנגעהאַפּט זיִך וואו מען האָט געדאַרפען און צונויפגעבּרענגט די אַלע זאַכען: אַ פּאָר בּלויע הויזען פאַר דעם „צעזאַרס״ וועגען — אַ זײַדענער שלאָפ־ראָק פאַר ר׳ אליעזר המודע, און אַן׳עץ־החיים׳ל אפילו אויף דעם ספר אַרויף, בּשעת די יודישע טעלטער זיִצען און ווײַנען און קלאָגען אויף דעם חורבּן בּית־המקדש.

און צומאָרגענס האָט שוין דאָס גאַנצע שטעדטעל אויפ׳ס ניי געריישט, אַז עס איז אָבּגעטהאָן געוואָרען אַ שרעקליִכע זאַך. מען האָט אַרויסגע׳גנבּ׳עט פון שוהלכעל די ארץ־ישראל־זאַכען. דער שנײַדער האָט זיִך גאָר געשעמט אויסצוזאָגען וואָס איִהם פעהלט, און פאַר גרויס האַרץ־וועהטיג זענען די אַלע דרײַ ארץ־ישראל־לײַט געשטאָרבען: אײַנער פריִהער מיִט אַ טאָג, דער אַנדערער שפּעטער מיִט אַ טאָג, און דאָס שטעד־טעל האָט אַלע טאָג געהאַט אַן׳אַנדערע לויה, און זיִפצען און קרעכצען, אַז זײַ זענען נעבּעך ניִשט ווערט געווען צו ליִגען דאָרט, זענען זײַ צוריִק אראָבּגעקומען דאָ אהער.

דריי שוועסטערלעך.

דרייא שוועסטערלעך.

(א מעשה'לע).

אמאל איז געשטאנען א הייזעל אין א וואלד. האבען גע-וואוינט דערין אנ'אלטע מוטעריל מיט דרייא טעכטערלעך. די טעכטערלעך זענען געזעסען און געשפונען און דאס מוטעריל האט געקליבען שפענדלעך אין וואלד, געקאכט עסען, און, אז עס איז פארטיג געווארען, האט זי זיי גערופען: קינדערלעך, קומט עסען. און אזוי האבען זיי זיך געלעבט בשלום.

נאר איין זאך איז זיי נישט ניחא געווען: די טעכטער-לעך זענען געוועזען מיאוס'ע, ווי די נאכט, און קיין מענשען קומען נישט דארט אהין, האבען זיי נישט געהאט קיין חתנים. און דא ווערען זיי וואס אמאל עלטער; די ברוסטען איינגעפא-לענער, ארום די ליפען ווערט שוין דאס מויל איינגעשרומפען, און ווען זיי האבען צייט, זיצען זיי נאר אין פענסטער און קו-קען ארוים מיט שטילער בענגליכקייט אין די אויגען. ארום איז שטיל, ווי אויף א בית-עולם — און טיילמאל הערט זיך נאר א זיפץ ארוים פון איינער'ס ברוסט און צוריק ווערען די ליפען פערשלאסען, און זי קוקט נאך מיט מעהר אומעט, ווי די שפיצען בוימער שאקלען זיך.

אז עס קומט אויף דער-נאכט, אלע ליגען שוין אויף די געלעגערס און א ווינד רייסט די בוימער מיט א שטארק גערויש—

דאַכט זיך זיי, אַז עס ווייִנען קליינע, זויגענדיגע קינדער, וואָס מען האָט דאָ אַנידערגעוואָרפען הינטער דער שוועל פון זייער הייזעל און די שוועסטערנס הערצער ווערען צוגאַנגען פון אַנגסט.

דעמאָלט קריכען זיי אַראָב שטילערהייד פון די געלעגערס, קלייבען זיך אוים יעדע בעזונדער אַ שפענדעל, פון די, וואָס די מוטער לעגט בייטאָג פאַר'ן קוימען, און געהען צוריק אויף זייערע ערטער, יעדע מיט איהר שפענדעל און טוליעט, און האַלזט, און קושט עס אַ גאַנצע נאַכט, דריקענדיג צו זיך, הינ־טער דער קאָלדרע. זיי קאָנען נישט דעמאָלט קיין אויג צו־טהאָן, און ווי געטריייע מוטערס, מורא'האָבענדיג זיי זאָלען עס חלילה קיין קוועטש נישט טהאָן, אָדער דערדריקען — וואַכען זיי דעריבער, ווי איבער אמת'ע קינדערלעך. נאָר אין דער־פריה, ווען דער מאָרגען שיינט אַריין אין פענסטערל און די שוועסטערלעכ'ס שטערנ'ס הויבען זיך אָן צו קנייטשען, פון וועלען אַרויסקריכען פון די געלעגערס אָנצוטהאָן זיך — ערשט דעמאָלט פערשטעהען זיי, אַז זיי האָבען זיך אַ גאַנצע נאַכט גענאַרט און איינע שעמט זיך די צווייטע אָנצוקוקען.

און איינמאָל, די שמערצען זענען שוין געווען צו־גרויס, צו קאָנען זיי ווייטער אויסהאַלטען, האָט דאָס יונגסטע שוועס־טעריל, נישט־קאָנענדיג צוועהען דעם צער פון די עלטערע, געזאָגט צו זיי:

— שוועסטערלעך, איך זעה דאָך, אַז אונזער לעבען איז שוין פערפאַלען. מיינס ווי מיינס, נאָר אויף אייך איז מיר אַ גרויס רחמנות... איבער דעם, לאָ'מיר־זשע זעהען בעסער אַנ'ענדע צו מאַכען...

אַלע דריי שוועסטערלעך האָבען זיך פערשטאַנען און האָ־בען נאָר מיט שטילע לויכטענדיגע טרעהרען אָנגעקוקט זיך. דערנאָך האָבען זיי די טרעהרען אָבגעווישט, און שטילערהייד און פערבענגטערהייד האָבען זיי זיך אַלע דריי אָוועקגעצויגען צום טייכעל, וואָס איז געווען דאָרט צווישען די בוימער, און געשטעלט זיך ביים ברעג.

עס איז געוועזען א שענע נאכט. ווי א זילבערנער טעלער, איז די לבנה געשטאנען אין מיטען הימעל הויך איבער די שפיצען בוימער און בעלויכטען דאס גאנצע טייכעל, אז מען האט געקאנט ציילען יעדעס זעמדעלע. און ווי די שוועסטערלעך זענען אזוי געשטאנען פערצאגט אין זייערע געדאנקען — זענען אין דעם קלארען וואסערל פארביי געשוואומען צוויי גאלדענע פישעלעך, און אזוי שטיל, רוהיג זיך געצויגען וואסער-אראב, אז מען האט מעהר נישט געהערט ווי דאס ריזלען פון דעם לויפענדיגען וואסערל. דא האבען די שוועסטערלעך א שווערען זיפץ געטהאן: רבונו-של-עולם, אלץ האסט דו בעשאפען צום זיין א פאר אויף דער וועלט! און צו וואס האסט דו אונז בעשאפען?... ביי די ווערטער האבען זיך אלע דריי שטארק פונאנדערגעוויינט, אנגעקושט זיך, אנגעהאלזט, ווי צום געזעגענען, און זיי זענען אריין אין וואסער; צו ערשטען די יונגסטע, דערנאך די מיטעלסטע און צולעצט — די עלטסטע, ביז זיי זענען דערטרונקען געווארען.

ווי זיי קומען אויף יענער וועלט, ווערט א רעש אין הימעל: דריי שוועסטער האבען זיך אליין דערטרונקען? עס קומט זיי גיהנם. און גאט'ס משרתים, שלעכטע און גוטע, לויפען פארביי; די גוטע, קוקענדיג אויף זיי מיט א טרעהר און רחמנות אין אויג, און די שלעכטע — מיט אזא געאיילעריי, אזא פערטהאנקייט און מיט א בליץ אין די אויגען, נאר איינצושלינגען. האט זיך די יונגסטע שוועסטער ארויסגעשטעלט און געזאגט: פארוואס איז דער הימעל אויף אונז אזוי ברוגז, גיהנם וויל מען אונז נאך געבען! אויף יענער וועלט אין וואסער און אויף דער וועלט אין פייער, און אלץ, ווייל מיר האבען ביים לעבען געליטען די שווערסטע יסורים אין דער וועלט. מיר האבען געלעבט, נישט-וויסענדיג דעם טעם פון חופה און דערנאך, פון האבען א קינד.

און ווי די גוטע גאט'ס משרתים, וואס קוקען נאר אויס דעם מענש גערעכט צו מאכען, האבען דאס געהערט — האבען זיי געכאפט איהרע ווערטער, אוועקגעטראגען זיי צום רבונו

של-עולם און געשטעלט זיי אנטקעגען דער שכינה.

דער רבונו-של-עולם האט דאס געזעהען, האט ער א בעפעהל געגעבען: זאל מען זיי, מיינע קינדער, ברענגען פאר מיר! און אז גאט׳ס ווארט האט זיך געלאזט הערען, זענען שוין די דריי טעכטערלעך געשטאנען פאר זיין שטוהל.

גאט האט מיט גרויס רחמנות פערנומען זייערע טענות און געזאגט:

— נו, אודאי, עס קומט זיי גן-עדן.

נאר די יונגסטע שוועסטער האט זיך געשטעלט און גע-זאגט:

— רבונו-של-עולם! אויב דיין גן-עדן קאן אזוי פיעל דערפרעהען א געפייניגטען, ווי א קינד דער מאמעס הארץ און ווי א חתן דער כלה׳ס הארץ אין דער חופה-נאכט — ווילען מיר אודאי דאס גן-עדן...

איז געווארען אין הימעל ווייטער א רעש. ווייזט-אוים, אז דאס איז געווען א גרויסע, קשה-דיגע זאך פאר דער גאנ-צער פמליה של מעלה. און דער רבונו-של-עולם, וואס מיט זיין גרויסען ערנסט קוקט ער אין הארץ פון יעדען געפייניגטען, האט אזוי געזאגט:

— אויב אזוי... געהט-זשע, קינדערלעך, צוריק אראב אויף דער וועלט און זייט מתקן דאס, וואס איהר האט נאך נישט מתקן געווען...

א ווייליע איז געבליבען שטיל; דערנאך האט גאט די אנ-דערע צוויי שוועסטער געפרעגט:

— צי האט איהר נישט אויך עפעס צו זאגען?

האט זיך די מיטעלסטע געשטעלט, בעטענדיג פאר דעם רבונו-של-עולם און געזאגט:

— וואס קומט אונז אבער ארוים, אויב מיר וועלען נישט זיין קיין שענע, וועלען מיר ווייטער נישט מעהר האבען, ווי שמערצען און ליידען.

— איהר זענט גערעכט — האט דער רבונו-של-עולם

געענטפערט — און דו, וואס זאגסטו? — האט ער דער עלטסטער, דער דריטער, שוין געפרעגט.

— איך וואלט געגעהערען — האט זי געזאגט, ווייל זי איז שוין געוועזן עלטער און געניטער — אז עס זאל אויף אונז קיין פערשעמונג נישט קומען, ווי עס מאכט זיך אמאל, מען איז שען און מען האט שוין א חתן אויך, און דערנאך ווארפט ער אוועק...

און בשעת זי האט דאס גערעדט, האבען זיך איהר געשטעלט טרערען אין די אויגען. מען האט געזעהן, אז זי פערשטעהט אין דער מינוט דעם גאנצען צער פון יענע כלות, וואס די חתנים טהוען זיי אזוי, און זי האט צוגעגעבען:

—ווייל איך, רבונו-של-עולם, אז אונזער אלטע מאמע זאל קאנען א שפרוך איבער די חתנים, וואס וועלען קומען צו אונז, אז זיי זאלען שוין ביי אונז בלייבען.

— געהט — האט נאט געזאגט, — אייערע פערלאנגען זענען שוין ערפילט.

און עס האבען זיך אויפגעמאכט די טויערן פון הימעל און מען האט די דריי שוועסטער צוריק אראבגעלאזט פונקט איבער דעם וואלד, וואו זיי האבען געוואוינט.

ווען די ליכטיגע זון האט זיך אין אנ'אינדערפריה נאך אמאל בעוויזען איבער דעם קליינעם פענסטער'ל פון זעלבען הייזעל — זענען שוין אין דעם שטיבעל געוועזען דריי טעכטערלעך מיט גאלדענע האר, און די פנים'ער האבען געלויכטען, ווי די זון אין תמוז און די אויגען האבען געבלישטשעט מיט אזוי פיעל חן, ווי דער מארגענשטערן, וואס געהט אויף אלע פארטאג אין מזרח. אין דער גאנצער וועלט איז נישט געוועזן צו געפינען דאס גלייכען אין שענהייט מיט די דריי שוועסטערלעך. אויך ביי דער מאמען איז שוין געהאט מקוים געווארען דער שפרוך, און ווען די טעכטערלעך זענען נאך געלעגען אין זייערע בעטלעך מיט א שטיל און זיס געפיהל וועגען פרישען יונגען מארגען

און וועגען דער שענהייט פון זייערע פרישע קערפער און צערט-ליכע גלידער — און געזאָגט זיי:

— געהט, קינדערלעך, אַרויס; מיט מיין שפּרוך האָב איך אייך שוין אַהער געבּרענגט אין פּרינץ דערוויל. בּיים טייכעל קאָן מען איהם געפינען.

נאָר בּיידע עלטערע טעכטערלעך האָבּען זיך נישט געאיילט:

— זאָל ער וואַרטען, דער שנעק — האָבּען זיי געזאָגט, שוין אַ בּיסעל גרויסהאַלטענדיג זיך — מיר דאַרפען פריהער אויפשטעהן, מאַכען די טואַלעטען, וואָרום מיידלעך מיט גאַלדרענע האָהר קאָנען זיך נישט ווייזען אַבּי-ווי...

און די יונגסטע שוועסטער, ווייטער, וואָס איהר האַרץ איז געווען בּטבע ווייכער און רחמנות'דיגער צו יעדען מענש און האָט זיך קיינמאָל נישט גרויסגעהאַלטען — האָט זי געכאַפּט אויף זיך איהר פּראָסט קליידעל מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ און אַ פּאָר שטעק-שיכלעך אויף די פיס, לויפענדיג, אפילו קיין איין מינוט נישט זוימענדיג, צום טייכעל, און ווי זי איז צו-געקומען צום טייכעל, האָט זי געפונען אויפ'ן גרינעם גראָז פון בּרעג אַ שלאָפענדיגען יונגען פּרינץ, וואָס זיינס גלייכען אין שענהייט איז אויך נישט געווען אין דער גאַנצער וועלט, און נעבּען איהם איז געלעגען אַ גאָלדענער פייל-און-בּויגען.

איז זי געשטאַנען און געוואַכט איבּער דעם שלאָפענדיגען פון דערווייטענס, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי צוגעגעהענט צו איהם מיט שטילער בּעשיידענהייט און געזאָגט:

— ליעבּער מענש, ווי איך זעה און ווייס אויך, בּיזט דו אַ פּרינץ און נישט געוועהנט צו שלאָפען אויף דער הוילער ערד, בּעטען מיר דיך אַריין אין אונזער שטיבעל, וועלען מיר דיר געבען אַ וויין און קלאָר-געשפּריים בּעטעל.

דער פּרינץ איז בּעשטאַנען, ווייל, אַז ער האָט אַ קוק געטהאָן אין איהר פּנים, איז ער ווי פערבּלענדט געוואָרען פון דער ליכטיגקייט און גוטהאַרציגקייט, וואָס האָט דערפון אַרויס-געשטראַהלט, און ער איז איהר נאָכגעגאַנגען, מיטגעהמענדיג

מיט זיך דעם גאָלדענעם פייל־און־בויגען. נאָר פאַר דעם שטיבעל האָט ער זיי אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים און אַליין איז ער מיט איהר אַהין אַריינגעגאַנגען.

ווי די עלטערע שוועסטער האָבען איהם דערזעהען, איז אין די הערצער ביי זיי אויסגעוואַקסען אַ גרויס גלוסטיגונג צו דעם שענעם פּרינץ, וואָס דאָס גלייכען אין זיין שענהייט איז אין דער וועלט נישטאָ. האָבען זיי איהם זעהר שען אויפגענומען און געבעטען איהם, אַז ער זאָל זיי דערצעהלען, ווי ער קומט דאָ אַהער, אין דער סאַמע טיעפקייט פון וואַלד, וואו עס קומט נישט קיינמאָל קיין שום פרעמדער מענש, בפרט נאָך אַ קייזער'ס אַ זוהן.

האָט זיי דער פּרינץ דערצעהלט, ווי ער איז געגאַנגען אויפ'ן געיעג און פערבלאָנדזשעט, נאָכיאָגענדיג אַ הירש — און צוקומענדיג צום טייכעל איז ער פון מידקייט געפאַלען אויפ'ן גראָז און איינגעשלאָפען.

דערווייל האָט דאָס יונגסטע שוועסטערל, די, וואָס האָט איהם געפונען ביים טייכעל, געמאַכט עפּעס צו עסען און צו טרינקען פאַר דעם פּרינץ און די עלטערע שוועסטער האָבען שוין אויך פונקט געהאַט געענדיגט די טואַלעטען...

און אַז עס איז געקומען, ווען דער פּרינץ האָט שוין געהאַט געענדיגט דאָס עסען און טרינקען, האָבען זיי זיך שוועסטערלעך שוין געדונגען צווישען זיך, אין וועמעס בעטעל דער פּרינץ זאָל זיך לעגען אויסרוהען; יעדע האָט איהם געוואָלט אָבטרעטען איהר'ס. און אויף פיינאַלט האָבען זיך אַלע דריי אָבגעשמועס'ט, צו מאַכען פרעהלעך צווישען זיך, מיט עסען, טרינקען און טענץ — און ווער פון זיי דריי דעם פּרינץ וועט געפעלען, די זאָל זיין ווייב בלייבען.

און די עלטסטע שוועסטער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די יונגסטע זאָל זיך אויף אַ גאַנצען טאָג אַרויסזעצען אין דרויסען, הינטער'ן פענסטערל, שפּינען, כדי זי זאָל דעם פּרינץ נישט שטערען שלאָפען מיט דעם גערויש פון רעדעל, און פון דעם געשפּונענעם זאָל זי מאַכען ביז אויף דער נאַכט,

דריי קליידלעך: איינס מיט גאלד, דאס זאל זיין פאר דער עלטסטער'ס וועגען, אז דער פרינץ, וואס וועט זי ביינאכט זעהען אין דערינען, זאל עס איהם אזש די אויגען פערבלישטשען; און איינס פון זייד — דאס זאל זיין פאר דער מיטעלער; און איינס פון פלאקס — דאס זאל זיין פאר דער יונגסטער.

די יונגסטע שוועסטער האט נישט געלעגט קיין אכט דערויף, וואס די לעצטע וויל זיך שענער צירען פון אלע, ווייל זי איז געווען זעהר א גוטע און האט געטהאן, וואס די שוועסטער האט איהר בעפויהלען. אבער געוויינט האט זי נאר דערויף, וואס די ארבייט איז א צו־גרויסע: אין איין טאג צו שפינען, וועבען און אויפגעהען דריי קליידלעך, און טאמער קאן זי נישט פארטיג מאכען צו דער צייט.

נאר ארבייטענדיג אין דרויסען, הינטער'ן פענסטערל, וואו דער גאלדענער פייל־אין־בויגען איז געהאנגען פאר איהרע אויגען, איז איהר ארבייט געפלויגען פון דער האנד, און זי האט אלע ביז נאכט פארטיג געמאכט.

עס איז געקומען ביינאכט. אין וואלד איז שוין געווען גוט פינסטער, דאס קליינע פענסטער'ל פון דעם שטיבעל האט רויט געלויכטען, און די דריי שוועסטערלעך, אנגעטהאן יעדע אין איהר קליידעל, האבען לוסטיג פערברענגט מיט דעם פרינץ. ביידע עלטערע שוועסטער האבען געבלאשקעט, איינע מיט איהר גאלד און די צווייטע מיט איהר זייד, און דערצו געגאנגען איינגעפלאכטען ווייסען באנד אין די קעפ, ווי אין א חופה־נאכט. נאר די יונגסטע האט זיך גאנץ פראסט געהאט אנגעטהאן, אין איהר איינפאכען קליידעל און א פראסט וואלד־בלימעל אין קאפ, כדי נישט צו דערוועקען קיין קנאה ביי די עלטערע שוועסטער.

און, אז עס איז געקומען, ווען אלע דריי שוועסטער האבען זיך געשטעלט אין א רייהע, אז דער פרינץ זאל זיך אויסקלויבען איינע צום ערשטען טאנץ, וואס דאס זאל שוין אויך זיין פאר א צייכען, אז די געפעלט איהם, און אז די דארף שוין אויך זיין ווייב ווערען — איז זיין אויג געפאלען אויף

דער יונגסטער, און צוגעהענדיג צו איהר, האט ער זיך פערבויגט און זי אנגענומען פאר דער האנד... אין זיין שמייכעל אויפ'ן געזיכט און אין זיינע אויגען איז געווען צו זעהען, אז ער איז מיט איהר גליקליך... און ביידע עלטערע שוועסטער זענען שטארק אראבגעפאלען ביי זיך.

אומזיסט האט געציטערט דער יונגסטער שוועסטער'ס ברוסט פון גרויס אונרוהיגקייט אין מיטען טאנצען און נישט געקאנט איהר האנד דערהאלטען אויפ'ן פרינצ'ס אקסעל, פיהלענדיג, ווי ווייט די צוויי עלטערע שוועסטער האט דאס בעלייריגט — דען העלפען צו דעם האט זי שוין אליין אויך נישט געקאנט. האט אנדערש דער פרינץ אויסגעקליבען איהר, הייסט עס, אז קיין אנדערע ליעגט איהם שוין נישט אין הארץ, און איין גאט ווייסט, אז בשעת זי האט געענדיגט דעם טאנץ, האט זי א שווערען זיפץ געטהאן: מן הסתם איז דאך אזוי בעשערט...

אומזיסט האט זי זיך אויך בעמיהט די שוועסטער צופערגלעטען זייער צער. יא, זיי האבען זיך געלאזט פערגלעטען, זיך געמאכט כלומר'שט, ווי דאס ארט זיי נישט. און אז די יונגסטע שוועסטער האט געבעטען דעם פרינץ, אז ער זאל טאנצען מיט זיי ווי צום מיינסט, האבען זיי מיט א מכלומר'שטער צופרידענהייט און שמייכעל אויפ'ן געזיכט, געטאנצט מיט איהם און זיך פרעהליך געמאכט — אבער אין די הערצער האט שוין געברענט א העליש פייער. נאר די יונגסטע שוועסטער האט געמיינט, אז עס איז אלדעס-גוטס. און אזוי איז שוין די נאכט פארביי געגאנגען.

צו-מארגענס אין דער-פריה אבער האבען זיי דעם פרינץ פערנארט אין א בעזונדער קאמער און איהם איינגעשלאסען, אז ער זאל נישט קאנען קומען צו דער יונגסטער שוועסטער. און איהר האבען זיי ארויסגעגעבען א בעפעהל: א גאנצען טאג זאל זי קלייבען שפענדלעך אין וואלד...

— שוין גענוג — האבען זיי געשריען — האט די מאמע פאר דיינעטוועגען געהארעוועט, געקליבען שפענער, געקאכט

עסען און דיך אזא בייז בעשעפעניש אויפנעצויגען, וואס וואו נאר דו זעהסט א יונג, הענגסט דו זיך אן זיינע אקסלען אן. קלויב דו איצט שפענער, קאך דו איצט עסען און די מאמע אונזערע זאל זיך א ביסעל אויסרוהען אויף דער עלטער...

די מאמע, וואס האט דאס געהערט, איז דאס איהר אויך זעהר געפעלען, וויל אין די עלטערע טעכטער'ס רייד איז געלעגען א סך חניפה, און מיט חניפה קויפט מען זעהר איבער מענשען, איבערהויפט ווייבער אין די עלטערע יאהרען... איז זי אויך ערשט ארוים מיט א קול:

— ע, דו גולם, וואס שטעלסט דו אזא פאר אויגען אוים, אז מען הייסט דיך עפעס טהאן! עס איז נאך נישט צייט, אזא גרוים פון א מויד זאל קאנען האטש א שפענדעל פון דער ערד אויפהויבען?...

און דאס אלטע מאמעלע האט דאס יונגסטע טעכטער'ל א שטויס ארוים געגעבען הינטער דער טהיר.

די יונגסטע האט געזעהען, אז עס וועט איהר נעבעך גארנישט העלפען, האט זי נאר די אויגען אויסגעוויינט און אויסגעקלאגט דערויף, וואס דער פרינץ זיצט איינגעשלאסען.

אזוי האט זי זיך מיט טרעהרען-פערגאסענע אויגען, צווישען די בוימער ארומגעדרעהט און געקליבען שפענדלעך, שטענדיג נאר נאהענט ארום הייזעל און נישט געוואלט אוועקגעהן וויים, כדי איהרע אויגען זאלען האטש קאנען קוקען אויף דעם גאלדענעם פייל-און-בויגען, און דאס האט איהר געגעבען כח צו קאנען אויסשטעהן די צרות.

און דערווייל, איבער דער צייט, וואס זי האט געקליבען שפענדלעך, האבען די עלטערע שוועסטער געפייניגט דעם פרינץ אין קאמער, אז ער זאל זיך זיי אונטערגעבען, נאר ער האט זיי נישט געענטפערט. מיט זיינע בלויע אויגען האט ער געקוקט מיט א פערבענקטקייט דורך דעם קליינעם פענסטערל, ווי א יונגער אדלער, וואס מען האט פון איהם זיין אדלערין פערטריבען און איהם אליין פון זיין נעסט צוגענומען און אין א שטייג איינגעזעצט.

אזוי איז דער פּרינץ דאָרט געזעסען טעג-לאנג און גע-בענקט, און טאָג אויף טאָג האָבען איהם די עלטערע שוועס-טער געפּייניגט, מיינענדיג, אַז אפשר וועט ער זיך שוין פאָרט אמאָל איבערגעבען אין זייערע הענד.

ביז איינמאל, עס איז געוועזען האלבע נאַכט, האָט זיך דאָס יונגסטע שוועסטערל אַראָבגעגנב'עט שטילערהייד פון גע-לעגער, אַרויס פון שטיבעל און געשטעלט זיך אויף אַ בערגעל הינטער דער וואַנד, וואו עס איז געוועזען דאָס פענסטערל.

די לבנה האָט געשיינט, און זיין געזיכט האָט זיך געבלייכט דורך די קראַטען און זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט מיט אַ פייכטקייט אנטקעגען דער שיין פון דער לבנה.

דעמאָלט זענען זיי ביידע צוגעפאַלען מיט שטומע קושען צו די אייזערנע קראַטען און האָבען זיך שטאַרק פונאַנדערגע-וויינט, זי—קוקענדיג אויף איהם און ער—קוקענדיג אויף איהר.

דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען אַ גרעזעל, אַריינדערלאַנגט עס איהם אינעווייניג און געזאָגט:

— דאָס קרייטעלע האָב איך היינט געפונען אין וואַלד, לעג עס צו צו די קראַטען און דאָס אייזען וועט זיך שפּאַלטען.

דער פּרינץ האָט גענומען דאָס גרעזעל, צוגעשטעקט צו איין קראַט, צום צווייטען און צום דריטען, איז שוין דאָס גאַנ-צע פענסטערל געוועזען אָפען און ער איז אַרויס אויף דער פריי.

דאָס טעכטעריל האָט איהם אונטערגעהאָלפען מיט די הענד, בשעת ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט פון פענסטערל, און נאָך איידער ער האָט מיט די פיס רעכט אָנגעריהרט די ערד, האָט זי געזאָגט צו איהם:

— אַצינד לאָ'מיר לויפען אין דער וועלט אַריין, וואו די אויגען וועלען אונז טראָגען, נאָר וואָס געשווינדער...

דער פּרינץ האָט זיך געשווינד אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן בוים, אַראָבצונעהמען דעם פייל-און-בויגען, נאָר די צווייגען מיט די בלעטער האָבען אָנגעמאַכט אַזאַ גערויש, אַז אין שטיבעל האָבען זיך אַלע אויפגעכאַפּט און די עלטערע שוועסטער האָבען אָנגע-הויבען שרייען צו דער מאַמען:

— האלט זיי איין, אז זיי זאלען נישט קאָנען אנטלויפען.
און ווען דאָס מאמעלע איז ארויס אין דרויסען און גע־זעהען, ווי זיי אנטלויפען שוין צווישען די בוימער, האָט זי א געשריי געגעבען:
— שטעהט, שטיינער זאלען פון אייך ווערען!...
איז פון זיי ביידע באלד געוואָרען צוויי שטיינער אין דער פאָרם און געשטאלט פון מענשען.

און יעדע נאכט, ווען עס שיינט־אויף די לבנה און קוקט אריין צווישען די בוימער, בעלויכטענדיג די צוויי פערשטיינער־טע פיגורען מיט פאסען ליכט, קומט צוגעהן איינע פון די צוויי עלטערע שוועסטער, וואָס אויף איהר איז אויסגעפאלען די היינטיגע נאכט, און קלעבט זיך צו ארום פרינץ און גליסטיגט צו איהם, דער יונגסטער שוועסטער אין די אויגען.
דעמאלט שטעהט זי, דאָס יונגסטע שוועסטערל, אויף און טראכט וועגען דעם, ווי גאָט האָט זיי געגעבען שענקייט און די שוועסטער האבען פון דער שענקייט געמאכט. זי דערמאָנט זיך וועגען יענער נאכט, ווען זיי זענען זיך אלע דריי געגאנגען טרינקען, און אז הלואי וואלט זי שוין נישט געוועזען צוריקגעקומען מעהר אויף דער וועלט, אז איהרע אויגען זאלען פערשפאָרען דאָס צו צוזעהן...
און ווי עס קומט האלבע נאכט, מהוט דער וואלד א זיפץ, און פון גרויס צער, וואָס די שוועסטער פייניגט דעם פרינץ, שפאלטען זיך ביי איהם די ברעמען און עס בלישטשען ארויס צוויי גרויסע ליכטיגע טרעהרען.
ערשט דעמאלט געהט די שוועסטער אוועק פון איהם און צו־מאָרגענס קומט די צווייטע...

איינגעשרומפּען.

איינגעשרומפּען.

(סקיצע).

א זיינער איינס נאָכמיטאָג. דאָס קעצעל דרעמעלט ליעגענדיג אויפ׳ן קאַסטען פון שטיינקויהלען ביי דער קיך. קעגענאיבער זיצט די דיענסט אויף א קליין בענקעלע, קוים בעוועגענדיג דאָס וויעג-וועגעל, וואו עס ליעגט א שלאָפענדיג קינד; פערטיעפט איבער דער צערע-נאָדעל אין האַנד, זיצט די מאַדאַם ביים פענס-טער, צערעוועדיג וועש, און פון דער ווינטערדיג רויטליכער זון, וואָס שטעהט גלייך איבער׳ן דאַך פון דער אַנטקעגען-איבערדיגער ווייסער אַפּיצינע — שלאָגט אריין, ווי א העלע סטעטשקע ליכט, אין וועלכער עס טראָגט זיך ארום, ווי גאָלדענע שטויבלעך. עס מאַכט זיך אויף די טהיר און יענקעל, דער מאַן, קומט אריין צו געהן פון דרויסען, ווי בעשפיגען מיט דער ליכטיגקייט פון דער זון און בלייבט שטעהן אין מיטען דער קיך.

— מאַשינלע... — זאָגט ער שטיל.

זי הויבט אויף די אויגען, לאָזענדיג אין א זייט דאָס שטאָף מיט דער נאָדעל.

— נו...

— קום אריין, וואָס זיצסטו דאָ?

זי שטעהט אויף, גרייט איהם צום טיש אין דער צווייטער

שטוב, און יענקעל וואשט זיך צום עסען.

אז ער שלינגט אראפ די המוציא, פרעגט ער איהר:

— וואס מאכען דארט זיי?...

— זיי?... וואס קלערסטו, מען קען ווערען גרעבער, ווי לענגער, צוקוקענדיג דעם בעשטאנד...

יענקעל פערטיפט זיך אין דערמיט עסען מיט א רינצלענדיגען שטערן.

— דהיינו?...

— גארנישט... — מאכט זי שוין מיט טרעהרען אין די אויגען—ווער עס טרעט מיר אפ פון לעבעדיגען גאט...—שטיקט זי זיך אין דערמיט, נישט פערענדיגענדיג.

בײדע בלײבען שטיל, יענקעל עסט אפ אנבײסען, בענשט אפ. דערנאך טהוט ער א רוף:

— קום נאר, מרים'ל... קום, לאמיר ארויפגעהן צו זיי.

זי נעהמט דאס טוך אויפן קאפ און לאזט זיך געהן נאך איהם פון שטוב ארויס.

זיי שטעהען שוין פאר אויסגעקרימטע שמאלע שטיגען פון דער אפיצינע, און א ווײלע שפעטער — אין א שמאל דומפיג חדר'ל, וואו עס ליעגט א אלטער מיט א קלײן שפיציג, גרוי בערדעל, מיט א קאפעל אויפן קאפ, הינטער א געל איבערבעטעל. דאנעבען זיצט אנ'אײנגעבויגענע אלטיטשקע מיט גרויע ברעמען און שרימט דאס פנים, קוקענדיג איבער איהם, און צושאקלענדיג אפט מיט'ן קאפ, ווי זי וואלט א שטיל געבעט צו גאט אין די געדאנקען געהאט.

— וואס זיצסטו אזוי, מאמעשי? — פרעגט מרים'ל, שטעהענדיג, בײדע זײטען פנים פערהילט, נאר וואס דאס מויל און די אויגען קוקען ארויס קרימענדיג זיך, ווי צום וויינען.

—גארנישט... — הויבט די אלטיטשקע אויף איהרע אויגען, נאך ביטערער צושאקלענדיג מיט'ן קאפ.

דער אלטער ליעגט און קוקט שטאר, ווי עס וואלט גאר נישט געווען זײן דאגה.

— וואָס איז אײַך, שוועהר? — פרעגט יענקעל, צורוקגע־דיג זיך נעהנטער צום בעט.

— גאָרנישט... — ענטפערט אויך דער אַלטיטשקער און אַ טיפער זיפץ רײַסט זיך נישט ווילענדיג אַרויס פון זײַן ברוסט, און ער ווענדט אָפּ די אויגען אין דער הויך צום קאָפּען־ברעטעל. איהם דאַכט זיך, אַז די טאָכטער מיט דער אַלטיטשקער וועלען זיך באַלד צעוויינען.

נאָר — „צו וואָס נאָך וויינען? בע... נאַרישע קינדער... אַ נאַרישע וועלט"...

און כדי זיי זאָלען נישט שטעהן און קוקען אויף איהם מיט אַזוי פיעל רחמנות, רײַסט ער איבער:

— שטעהט מיר נישט, קינדערלעך, אין פענסטער...

זײַן פינסטערער, שטאַלענער בליק פון הינטער דעם אײַנגע־טיפטען שטערן, טראָגט זיך איבער צו די קליינע, מאַטע שײַבלעך. איהם דאַכט זיך, אַז אַ שטילקייט איז עפּעס אָנגעפאַ־לען אויפ'ן דרויסען, און ער פיהלט, ווי ער מוז שוין האָבען דעם עלטערען זוהן נעבען זיך...

— געהט, קינדערלעך, געזונדערהייד — זאָגט ער צום איידעם און טאָכטער, ווען זיי קלויבען זיך שוין צום אוועקגעהן — און שיקט מיר אַהער פּסח'ן.

שפּעטער איז געקומען פּסח.

לאַנג איז דער זוהן געשטאַנען בײַם בעט און געקוקט טרויעריג און שטום.

— ווי פיהלסטו דיך? — האָט ער שוועך אַרויסגערעדט.

— זעהסט דאָך... — האָט דער אַלטער, ווי אין פערלע־גענהייט אַ ציה געטהאָן מיט אַ פערשמאַרטער האַנד, אַראָבלאָזענ־דיג זי לאַנגזאַם איבער'ן קישען.

— עס איז דיר גאָרנישט בעסער?

— יאָ, בעסער... — האָט דער אַלטער צוגעשאָקעלט מיט די ליפּען.

ער האָט געבעטען דעם זוהן, ער זאָל זיך נעהנטער צובוי־געהן און די מאַמע זאָל אוועקגעהן פון בעט. דער זוהן האָט זיך

געזעצט אויף דער מאמעס ארט און דער פאטער האט איהם אנגענומען ביי א האנד . . .

— דו ביזט נאך דאס איינענע קינד ? — האט דער אלטער איהם געפרעגט .

דעם זוהן איז א שווידער אדורך איבער'ן לייב .

— וועגען וואס פרעגסטו , טאטע ?

— גארנישט ... — האט דער אלטער ווי צוריק אבגעלאזט דעם בליק פון איהם .

פאטער און זוהן האבען געשוויגען און כמעט , ווי נישט געטעמט צווישען זיך. זיי האבען זיך דערמאהנט אן דער לאנגס-טער פערגאנגענהייט , ווען דער איז נאך א קינד געווען , און דער — א מאן . דערנאך האט דער אלטער אויפגעהויבען א פייכטען בליק פון הינטער די ציטערדיגע ברעמען .

— איך זעה — האט ער מיט א פערשטיקט קול געזאגט — אז דו ביזט נאך דאס איינענע קינד . לעבט גוט צווישען זיך , בשלום , פערלאזט נישט די מאמע . . .

דעם זוהן האט זיך ווי א קנויל געשטעלט אין האלז .

— וואס רעדסטו , טאטישי ? ...

— ניין . . . גארנישט . . . — האט דער אלטער נאך ווארי-מער געדריקט זיין האנד , ביז דעם זוהן האבען זיך געשטעלט די טרעהרען אין די אויגען .

דער אלטער קוקט ערשט א גליקליכער , איהם דאכט זיך , אז עס איז נאך נישט קיין אונגליק צו שטארבען ... אט לאזט ער איבער איין זוהן , נאך א זוהן , און א טאכטער , וואס נאך דארף ער ? און א געפיהל פון גוטס צושפילעלט זיך , קוקענדיג אויף דעם זוהנ'ס קאפענדיגע אויגען .

— וויין נישט , מיין קינד . . . — וויל ער איהם , ווי די טרעהרען אבווישען , און ער דערמאהנט זיך , ווי ער איז נאך טאקע א קליין יונגעל געווען , ווי ער טראגט איהם שמחת-תורה , מיט'ן פאהן צו דער חברה . . . ווי דער קליינער דריקט זיך אזוי צערטליך , אזוי ווייך און ווארים צו זיין בוזעם . און ער געהט מיט איהם און געהט—און אט זענען זיי שוין אויף דער פאטשינע.

דער אלטער האט א קוק געטהאן דעם זוהן אין די אויגען אריין, און ווי עפעס וואלט זיך איהם פערשטעלט פאר די אויגען — האט ער דערזעהן אין איהם דאס דעמאלדיגע יונגעל... נאר א גרויסער, מיט ברייטע ארעמס און שטארקע הענד, און זיך ווידער, פונקט פערקעהרט — א שוואכען, א קליינעם, ווי אט דעם מאנספערשוין׳ס, וואס זיצט דא ביים בעט, א קינד... אז ער האט אנגעהויבען צו קוקען אויף זיך און אויף דעם זוהן, ווער עס איז דער טאטע און ווער — דאס קינד... — אבער כיט אזא צורודערונג, אז ער האט דעם זוהן איבערגעשראקען.

און אט א שמייכעל, א ברייטער שמייכעל צעלעגט זיך אויפ׳ן אלטענס געזיכט, איהם דאכט זיך ערשט, אז ער איז א קינד, און דער זוהן טראגט איהם ערגעץ ווייט, ווייט איבער א פעלד... ער שטעלט זיך מיט איהם אב הינטער א בוים, לעגט איהם דארט ארונטער הינטער גראז און מאך, און בעדעקט איהם אזוי ווייך, אזוי ליעב... נאר אט גלאצט דער אלטער אוים א שאר־פען בליק, דערזעהענדיג דעם מאנספערשוין ביי זיין בעט און מיט א צוטראגענהייט גיט ער א פרעג:

— דו וועסט מיך טראגען?...

אין שטיבעל ווערט א גוואלד. דערנאך קומט דער אלטער נאך אביסעל צוריק צו זיך, די קינדער, צונויפגעקליבען ארום בעט, ריידען נאך און שמועסען מיט איהם ביז ארום האלבער נאכט — נאר צומארגענס אין דער־פריה, ווען די אלטע האט זיך אויפגעכאפט, האט זי שוין דעם אלטען גישט געקאנט מעהר דערוועקען. ער האט אויסגעזעהן, ווי ער שלאפט...

ווי ער שלאפט האט ער אויך אויסגעזעהן אינ׳ם קבר, ווען מען האט איהם אהין אראבגעלאזט. א מענש זאל אזוי שען אויס־זעהען נאכ׳ן טויט... — האבען זיך אלע גע׳חדוש׳ט. אבער דער עלטסטער זוהן איז געשטאנען די גאנצע צייט ביים אפענעם קבר א פערטראכטער, און צוריקגעהענדיג פון דער לויה, האט איהם גאר גישט געקענט פון זינען ארויס אט יענער שמייכעל... איהם האט

זיך געדראכט, אזוי ווי דער דאזיגער שמייכעל וואלט עס געווען דער טויט... און, פערביי־געהענדיג פאר א נידעריג, איינגעבויגענער שטוב, וואס איז געשטאנען אין דער ערשטער גאס צו דער שטאדט צוקומענדיג, האט ער א קליין שמייכעלע געגעבען... דא אהער האט איהם דער טאטע געהאט געטראגען אין שמחת תורה צו הקפות, ווען ער איז נאך געווען א קליין יונגעלע... אבער א, שוין לאנג... גאנץ לאנג...— האט ער שטיל אבגעזיפצט, און פערטראכט זיך וועגען עפעס...

פייגעלע.

פייגעלע.

(א בילד).

פייגעלע איז אליין אין שטוב. די ברידער זענען ארוים אויפ'ן מארק באלד בעגינען, ס'איז היינט א יריד, דער טאטע איז אוועק אין בית-המדרש מיט'ן טלית און תפילין, קיין מאמען האט זי שוין לאנג נישט, איז זי די בעל-הבית'טע, שטעהט און גיט אכטונג ביים קוימען, אז דאס אנבייסען זאל זיך קאכען. אין שטוב איז שטיל. די זון שיינט אריין דורכ'ן פענסטער, ציהט אויס א פאס ליכטיגקייט איבער דער לאנגער הילצערנער באנק, וואס שטעהט פאר'ן אויווען, און פייגעלע שטעהט פערטראכט איבער די שטויבלעך, וואס טראגען זיך ארום אין פאס ליכטיג-קייט. זי דערמאהנט זיך אן איהר מוטער, דערנאך אן איהרם א יונגערע שוועסטערל — און דאס הארץ צוגעהט אין איהר. זי געהט צו צום פענסטער, די טרעהרען שטעלען זיך איהר אין די אויגען און זי קוקט ווייט איבער'ן פעלד. עס בלישטשען ווייט שטי-קער גלאז אנטקעגען דער זון, פונקט ווי אוצר'ם וואלטען דארט געברענט. און אריבער איבער דעם פעלד, ווייט, שטעהט איינזאם א קופקעלע בוימער טונקעל-גרין. און פייגעלע'ן דאכט זיך, ווי זי זעהט צווישען די צווייגען עפעס א פלאטער טהאן ווי א פינטעל ליכטיגקייט, און זי בלייבט צוגעצויגען. איהר דאכט זיך, אז דאס

איז א יונג נשמה׳לע געווען פון א געשטארבען מיידעלע, אין די אויגען שטעלען זיך איהר נאך מעהר די טרעהרען, און דאס גאנצע פנים איז בלאס פערזונקען, די ליפלעך פערשלאסען און מיט דעם בליק איז זי אהינגעצויגען. זי דערמאהנט זיך, ווי איהר שוועסטער׳ל איז דארט אויף יענער וועלט, אזוי עלענד, זי האט נישט קיינעם, איין קינד אליין. זיי אלע זענען דא אין דער־היים, נור זי ליגט אויפ׳ן בית־עולם... און עס דאכט זיך איהר, אז דאס גאנצע בית־עולם, דארט צווישען דער גרינער קופע בוימער, איז אנגעפילט מיט איהר שוועסטערס שווייגען, און אין איהר בלאס געזיכטעל, ווי זי ליגט אין קבר, דערקענט זיך די איינגעטיעפטקייט אין שווערע פיין פון ליגען און אייביגען שטילשווייגען און פון זיין איינגעטהאן אין דער אייביגער שטילקייט. א טרעהר קייקעלט זיך אראב פון פייגעלעס ברעם איבער דער באק, נאר זי פיהלט זי נישט. זי זעהט, ווי איהר שוועסטעריל בלאנדושעט ארום איינע אליין אין דעם גרויסען הימעל, און דער הימעל איז אזוי ווייט און אזוי ברייט, נאר לעער, און מען זעהט נישט קיינעם. און זי, דאס קליינע שוועסטעריל, איז אזוי פרעמד, דער הימעל אזוי פוסט, און דאס שוועסטעריל איז בלאס.

דו ביסט פון מיר אוועק שוין לאנג. — דערמאהנט זי זיך א ליעדעל און זי הויבט אן צוגיסען מיט טרעהרען.

און איך ווייס נישט וואס דיר איז —
צי ביסטו דארט, חלילה, קראנק.
צי וועסטו קומען נאך צוריק...

די טהיר האט זיך געעפענט און דער פאטער איז אריין אין שטוב מיט׳ן טלית און תפילין הינטער׳ן ארעם. פייגעלע האט זיך געשווינד אומגעקוקט, פערשעמט זיך און אויסגעווישט די טרעהרען מיט׳ן פארטוכעל און איז צו צום קומען.

— גוט־מארגען — האט דער טאטע געזאגט, און זי האט קוים געערודערט מיט די ליפלעך, צוריק ענטפערענדיג און נישט קוקענדיג אין טאטעס זייט אריין מיט די פערוויינטע אויגען.

—וואס האסטו עפעס געוויינט?—פרעגט דער פאטער, אפשטעלענדיג זיך און בעטראכטענדיג זי.

פייגעלע׳ן האבען זיך נישט ווילענדיג נאך אמאל געשטעלט די טרעהרען אין די אויגען, און זי האט געענטפערט שטיל מיט אנ׳אראבגעלאזטען קאפ.

— איך האב נישט געוויינט... — און האט זיך אנגעהויבען ווישען מיט׳ן פארטוכעל די טרעהרען פון די אויגען.

נו... — האט דער פאטער זיך אבגעווענדט, נישט ווילענדיג זי שוין מעהר טשעפען, אז זי זאל נישט אנהויבען נאך מעהר צו וויינען. ער האט אויפגעהאנגען דעם טלית און תפילין, אליין זיך געשפרייט דאס טישטוכעל אויפ׳ן טיש מיט עפעס אויף א המוציא, און פייגעלע האט איהם צונעטראגען א טעפעלע קאווע צום טיש. ווען דער פאטער האט זיך געוואשען און שוין געזעסען און געגעסען — האט זיך פייגעלע אנידערגעזעצט נעבען איהם און געזעסען שטיל, פערצוגט.

דער פאטער האט זי נאך אמאל איינגעקוקט.

— דיר איז עפעס, פייגעלע?

זי איז געזעסען מיט אנ׳אראבגעלאזטען קאפ, געצופט מיט א פינגעריל דאס פארטוכעל, און געגעבען א באך ארוים מיט א קוואל טרעהרען:

— נארנישט...

די טהיר האט זיך ווייטער געגעבען א פראל אויף. עס זענען אריין די ברידער, יונגען אין שפאנצערם מיט גרינע גארטעלעך. איינער האט געהאלטען אפענגעשפארט די טהיר, דער צווייטער האט גערופען אין דער אפענער טהיר אריין:

— דא דא.

און א פויער, אין א סיקמאן, מיט א גרויסען זאק תבואה אויף די פלייצעס, אריבערגעשטארט איבער׳ן קאפ און איינגעבויגען אין צווייען, מיט אנ׳אנגעגאסענעם האלז און אויגען פון בלוט האט זיך געשטופט אין דער טהיר אריין.

עס איז געווארען א גערודער. דאס שטיבעל איז געווארען אנגעפילט מיט קולות — און פייגעלע איז זיך אוועק אין א שטילן ווינקעל, אליין מיט זיך.

אין עולם התהו.

אין עולם התהו.

דאס שטעדטיל האט זיך איבער נאכט פערוויסט מיט שניי, און באלד בעגינען, ווי מען האט נאר די לאדענס אויפגעמאכט, האט מען זיך דערוואוסט, אז בונעם רופא איז די נאכט געשטארבען. עס האט געמוזט זיין ארום דריי פאר־טאג, ביי וועלוועל איינבינדער האט דער זייגער פונקט געהאט אויסגעשלאגען, ווען פון קראנקענס הויז האט זיך דערהערט א יאמער. איצט געהען שוין גוטע פריינד צוריק פון גבאי פון חברה קדישא און פון בית־עולם, וואו זיי האבען אבגעקליבען אנ׳ארט פאר׳ן טויטענ׳ם וועגען. דאס גאנצע שטעדטיל ווייסט, אז קיין יחוס׳דיג שטיקעל פלאץ קומט איהם נישט, נאר מורא האט מען געהאט פאר איהם ביים לעבען און איצט, נאכ׳ן טויט, וויל איהם אויך קיינער נישט אנריהרען, צוליעב זיין שאטען, וואס שוועבט נאך אין דער לופט. ביים אויסהערען די בשורה וועגען זיין טויט האט מען זיך אין אלע זייטען אומגעקוקט, ווי מען וואלט מורא געהאט דערפון צו שמועסען. נאר ביי־טאג איז שוין געשטאנען א האלב שטעדטיל פערזאמעלט הינטער זיינע פענסטער — א טייל אויס נייגיריגקייט, ווי אזוי א פעלדשער שטארבט, און א טייל אויס גוט־פריינדשאפט, אבצוגעבען דעם טויטען דעם לעצטען כבוד. דורך די פענסטער האבען זיך געזעהען אנגעצונדענע ליכט, וואס האבען פול געמאכט די שטוב מיט פלעמלעך אין פערזונקענעם שווייגען און געפייניגטער

שטילקייט. עס האט זיך אויסגעדראכט, אז פון דארט געהען איצט דעם טויטען׳ס קולות עד לב השמים, נאר די ווענד פערשלינגען עס.

עס איז געווען די לויה, און דאס גאנצע שטעדטיל האט ווי פריי אבגעאטעמט.

נאך מיט חדשים צוריק איז ער געהאט אויפגעשטאנען פון א קרענק — אפשר שוין טאקע דיזעלבע, פון וועלכער ער ער איז ערשט געשטארבען — איז ער אריינגעגאנגען צו דער שענער חיה, א שכנ׳טע, און האט געזאגט צו איהר: „יעסטעם זדרוב ו״ און דאס ווייב זיינם האט געקוקט דורך די פענסטער, ווי ער פרעהט זיך ביי אנ׳אנדערער אין שטוב...

ער האט געהאט א פויגעל, וועלכען ער האט געגעבען צו־קער צו עסען, — האט ער איהם אלע מאל אין דער־פריה ארויסגעהאנגען מיט׳ן שטייגעל אין אפענעם פענסטער אריין צום זינגען אויף דער גאס ארויס, און אז שענע מיידלעך וועלען פאר־ביי געהן און זיך אומקוקען, זאל ער צו זיי ארויסשמייכלען.

די גאנצע וועלט האט געוואוסט, וואס ביי איהם אין שטוב פלעגט זיך אבטהאן, און ער פלעגט ביי פרעמדע פרויען אויף גאנצע טעג פערפאלען ווערען, און זיין אייגען ווייב האט דאס אלץ געוואוסט און געמוזט שווייגען.

אויסערדעם, זענען אין די ווינטער־נעכט געבראטענע גענז און מאליעס קארטען קיינמאל נישט אראב פון טיש. און ער, מיט גוטע ברידער און גוטע „שוועסטער", האבען געשפיעלט ביז אין גרויסען טאג אריין.

איינמאל איז ביי איינעם פון די גוטע ברידער אנ׳אומגליק געשעהן. אברהם קלארנעט האט ער געהייסען, א כלי־זמר. ווען ער איז איינמאל געקומען צו זיך אהיים ארום צוויי ביי־נאכט, טאקע פון קארטען־שפיעל, און האט זיך אנגעהויבען אויסצוטהאן האט פלוצלונג געפלאצט דער גרויסער פרימא־שפיגעל, און נישט צו וויסען, פון וואנען און פון וואס. א ברענענדיג ליכט נאר איז געשטאנען אויף דעם טישעל פאר דער שויב און איז אויך באלד אויסגעלאשען געווארען. און ווען ביי דעמזעלבען אברהם

איז דאָסועלבּע יאָהר שפּעטער אַ קינד אוועקגעקומען, איז ער אַריינגעגאַנגען צום רבּי׳ן און געגעבּען תּקיעת-כּף, אַז מעהר וועט ער שוין נישט שפּילען אין קאָרטען, און דערהויפּט בּיי בּונעם׳ן אין הויז נישט — ווייל עס איז געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז נאָר פון דאָרט איז דאָס גאַנצע אומגליק געשעהן...

אָט דאָס אַלץ האָט דאָס גאַנצע שטעדטיל גאַנץ גוט געוואוסט. אַצינד, נאָך בּונעם׳ס טויט, אַז מען האָט זיך אָן די אַלע מעשיות דערמאָהנט, איז אַ שווערער דורכגעלאָפען איבּער׳ן לייבּ. ווער ווייסט, ווי דער רשע ליידט נעבּיך דאָרט אַצינד? און איבּער׳ן גאַנצען שטעדטיל האָט זיך פערצויגען אַ שטילע, סודות׳-דיגע שרעק.

צווישען טאָג און נאַכט, ווען די מלמדים זענען אין בּית-המדרש צו מנחה און מעריב און אין די חדרים בּיי זיי איז נאָך פינסטער; עס לייגט די נאַכט איבּער די פענסטער און עס פערהילען שאָטענס די ווענד, טוליען זיך קליינע תּלמידים׳-לעך צוזאַמען הינטער די אייוועס אין דער וואַרימקייט, און מען זיצט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, און יעדען פון זיי דאַכט זיך, אַז ער הערט מיוקען אַ קאַץ אין קוימען, אָדער אַ שוואַרצער, קודלאַטער הונד דרעהט זיך אַרום הינטער׳ן פענסטער און מען האָט זיך מורא אויף דער שטוב אַרויסצורוקען. ערשט בּעת די רבּי׳צין קומט אַריין פון געוועלבּעל, איינגעוויקעלט אין טוך איבּער׳ן קאָפּ, און צינדט-אָן אַ שוועבּעלע, דורך וואָס די שאָטענס פון די ווענד ווערען פּלוצלונג ווי צושפּרונגען און עס ווערט רויטליך-ליכטיג אין שטוב, ווערט עס לעבּעדיגער. דע-מאָלט קומט דער רבּי אויך צוריק פון מנחה ומעריב און מיט זיין שטילקייט אין די אויגען דערצעהלט ער די תּלמידים׳לעך, אַז די נאַכט האָט מען געהערט אַ שרעקליך געוויין פון בּית-המדרש אַרויס; אַז צום שמש, וואָס האָט פערגעסען דעם קהל׳שען טלית איינצושליסען אין שלחן און האָט איהם אַהיים גענומען צו זיך, איז מען געקומען הינטער׳ן לאָדען אַרונטער דעם טלית מאָהנען, און מען ווייסט נישט, ווער דאָס האָט גע-קאָנט זיין...

די קלײנע תּלמידים׳לעך, װאָס הערען די מעשׂיות מיט שטילע פּנים׳לעך, בלײבען אנטשװיגען אויף אַ גאַנצע שעה דערנאָך. יעדער איז פערטיעפט אין זיך, ביז דער רבי קריגט אויף זײ רחמנות און זאָגט צו זײ: קינדערלעך, איהר װעט הײנט אַהײם געהן פריהער, װײל עס איז דאָ אַנ׳אָבל אין שטאָדט...

אין שטעדטיל, אַז עס איז דאָ אַנ׳אבל, צינדט מען אין אַלע הײזלעך אָן פריה פײער — מען האָט מורא פאַר דער טונקעלהײט פון צװישען טאָג און נאַכט, װאָס פערציהט זיך אײבער׳ן שטעדטיל. און װײל אין די לעמפּלעך טאָר נישט אויסברענען מעהר אײל און נאַפט, װי דער שעור, — װײל זײערע בעלי־בתּים קאָנען זיך מעהר נישט פערגינען, — פטר׳ט מען אָב אין אײלעניש דאָס נאַכט־עסען, מען פערמאַכט פריה די לאָדען און דאָס שטעדטיל הילט זיך אײן אין אַנ׳אימה. קלײנע קינדער האָבען אין אַזאַ נאַכט מורא אַ קוק צו טהון אונטער׳ן בעט, װאו די טונקעלהײט רוהט. עס פיהלט זיך איבער אַלע הײזלעך, אַז אינװעניג קומט פאָר אַ שטילע אײנגעשרומפּענקײט פון יעדען בעשעפעניש אין זײן װינקעל, אַ מין ליעגען און שװײגען, פּונקט װי אין דרויסען װאָלטען מתים און נישט־גוטע בעהערשט די װעלט.

אויך אין דער נאַכט, װען די תּלמידים׳לעך זענען פון די חדרים אַהײם געגאַנגען מיט די ברענענדיגע לאַמטערנדלעך, איז זײ בעפאַלען אַ טויט־שרעק, און פון דעם װײסען געריש פון די טריט אין פריש־געפאַלענעם שנײ, װאָס האָט אַ פערזונקענעם אָבקלאַנג געגעבען, װי נישט דאָ װאָלטען געפאַלען טריט, נאָר ערגיץ אין דער װײט, האָט זיך זײ געדאַכט, אַז דער מת, בונעם פעלדשער, יאָגט זיך נאָך זײ נאָך, און צום בית־המדרש, װאָס איז די מאַמע פון אַלע חדרים און די לינדערין פון אַלע יודישע קינדער׳ס שרעקען, האָבען די תּלמידים׳לעך זײערע אויגעלעך אויפגעהויבען, צו יענע, מיט ליכט בעגאָסענע פענסטער, און דאָרט אַהין אַרײן.

דאָ איז װאַרים ליכטיג, אַ געריש, לאָמפּען ברענען איבער די רײהען טישען, נאָר די גמרא׳ס ליעגען געעפענטערהײם

די פּאַטשטעלעס פּאַר אַ שמירה אויף די אָפענע בלעטער. און קליין און גרויס זענען צונויפגעקניפּעלט אין קופּקעלעך איבער'ן גאַנצען בית־המדרש און מען שמועסט מיט שטאַרק אַרייננעטהויע־נע קעפּ אין דער מיט רעדיל אַריין. עס שמועסען די וואויל־לערנער, ישיבה־בחורים, און ווער נאָר עס האָט אַ מויל און אויערן. און מען דערצעהלט אַזוינס, פון וואָס האָהר און נעגעל שטעלען זיך קאַפּויר. אַלע מאָל גיט אַנ'אַנדערער אַזש אַ שוידער אויף, ווי אַ קעלט וואָלט איהם איבער די ביינער אַדורך. דאָס גאַנצע בית־המדרש זעהט ערשט אויס ווילד, אַ געהוזשעריי, ווי צווישען ביהנען, צושטרייטע פּנים'ער, צופלאַשעטע פּאות.

פרייידעלע די גאַלערקע, וואָס איהר מאַן איז געוועזען דער עלטסטער רופא אין שטאָדט און איז פאַר צרות געשטאָרבען — וויל די שטאָדט האָט איהם אויפגעהערט צו ניצען, נאָר בונעם'ן, — זי שווערט ביי שופר של משיח, אַז זי זאָל אַזוי זוכה זיין זיך צו פרעהען, ווען אַלע טויטע וועלען אויפשטעהן פון דער ערד און איהר מאַן אויך, ווי צו איצעלע „סלאָמינ־קער" אין קרעטשמע, נישט ווייט דאָ, אַ מייל וועגס אינגאַנצען פון שטעדטיל, איז בונעם געגעבען אַ קום אַריינצולויפען צווי־שען טאָג און נאַכט, שטאַרק אָבגעסאָפּעט, געכאַפּט אַ טרונק בראָנפען מיט אַ בוינעל אומגעוואַשען, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אָנידערצוּוואַרפען אַ צעהנער אויפ'ן שיינק־פּאַס, האָט ער זיך מיט שרעק אַ קוק אום געגעבען צום פענסטער און געזאָגט:

— דו זעהסט נישט, ווער עס וואַרט דאָ אויף מיר?...

אין דעם זענען שוין געגעבען אַ קום אַריינצולויפען צוויי כמעט האַלב־נאַקעטע נקבות און געכאַפּט און אָנגעהויבען איהם צו פּאַטשען פון דער זייט און פון דער זייט און געגעבען מיט איהם אַ פליה אַרויס, וואו עס איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט אַ פולע ברוקע מיט נאָך זייער־גלייכען, און געגעבען איהם אַ זעץ אַרויף דאָ צווישען, און אַ פּאָהר אַוועק גלייך איבער'ן „גאַש־ציניץ"...

און אַ בחור, וואָס האָט איינמאָל געלייענט אַ ביכעל — ווי אַזוי אלכסנדר מוקדון איז געפלויגען אויף אַ פויגעל מיט אַ שטיק פלייש איבער זיין קאָפּ, און נאָך איינס — ווי אַזוי „מאַח-מעד" האָט איינמאָל געמאַכט מיט אַנגעצונדענעם שוועבעל אַ בלוי פייער און אַ ווייסען רויך-נעבעל אין אַ שטוב, כדי מען זאָל מיינען, אַז גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען — אָט דער דאָזיגער בחור, פאַרביינגעהענדיג ביי-נאַכט מיט נאָך אַ יונגעל פאַר אַ ניי, נישט געענדיגט הויז, אָהן טהירען און אָהן פענס-טער, וואוהין די לבנה האָט אַריינגעשיינט און עס האָט אויסגע-זעהן אינווייניג, ווי אַ ליכטיגער רויך-נעבעל, — האָט געפרעגט דאָס יונגעל, צי ער שפירט נישט קיין שוועבעל, און צי ער זעהט, וואָס דאָרט אינווייניג טהוט זיך?... און ביידע האָבען אָנגעהויבען צו אַנטלויפען מיט אַזאַ שרעק אין בית-המדרש אַריין, אַז אַרויפקומענדיג אויף דער שוועל, האָט איינער נאָך קוים גע-קענט אויסזאָגען: „דאָרט, אין נייעם הויז"... און זיי זענען שוין געלעגען אין חלשות.

מען האָט זיי קוים אָבגעראַטעוועט, און אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז פאַר דעם נייעם הויז טאָר מען נישט פאַרביינגעהן, אַז בונעם האָט זיך דאָרט אָבגעקליבען זיין „מקום" און אַז אַלע ביי-נאַכט מאַכט ער דאָרט פייערווערק און טאַנצט מיט זיינע נקבות.

די מעשיות זענען געוואָרען נאָך שרעקליכער.

אויפ'ן שאָסיי האָט שוין דער ווינד, וואָס איז געוואָרען פון בונעמ'ס אַרומפליהען און אַרומהאַקען זיך, אויסגעריסען אַ הונדערט-יעהריגען בוים... אַלע ביינאַכט הערט דאָס שטעדטיל, ווי עס רוישט דער נאָהנטער וואַלד, פונקט ווי די גאַנצע ערד וואָלט צושטורמט געוואָרען און מחנות מתים האָבען זיך פון איהר אויפגעחאַפּט און געהען אויפ'ן שטעדטיל, עס איינצונעה-מען. אַרום פיער פאַר-טאָג וויקעלט זיך אין בית-המדרש-גאָס אַ טרויעריך יאָמערליך קול דורך די קוים טונקעל-בעלויכטענע בית-המדרש-פענסטער, פון חיימ'ל שוסטער, וואָס ריכט דאָרט אָב חצות מיט אַזוי פיעל וויינענדיגער האַרציגקייט, אַז גאָט זאָל

שוין רחמנות האָבען אויף דער שטאָדט ירושלים. הינטער׳ן שמש׳ס פענסטער ליעגט א משוגע׳נער, וואָס איז פערבלאָנדזשעט געוואָרען פון אַן׳אַנדער שטעדטיל דאָ אַהער שוין צייט עטליכע טעג, און וויינט אויך אזוי טרויעריג, יאָמערליך אין דער שטאָק פינסטערער נאַכט אַריין. און זקנים און זקנות, וואָס קענען שוין פאַרטאָג נישט שלאָפען, ליעגען אין די בעטען און הערען זיך צו מיט א שטיל זיפצען, ווי עפּעס קומט פאָר אין דעם גרויסען חצות׳דיגען דרויסען...

אבגעשטייםען.

אָבגעשטייסען.

(ערצעהלונג)

איינמאל אין דער-פריה, דער זייגער האט ערשט געמוזט זיין ארום ניין, בין איך אריינגעקומען צו מיינעם א חבר, וועל-כען איך האב אנדערש נישט געקאנט טרעפען, אויסער נאך אין בעט, ווייל ער איז געוועזן א פערנומענער מענש. נור אין שטי-בעל איז שוין געוועזן צוגערוימט און ער אליין איז געזעסען און געשריבען א בריעף. ער האט מיך נישט בעמערקט ביי מיין אריינקומען, און איך בין נישט דרייסט געוועזן איבערצורייסען איהם, אזא מאדנע שטילקייט האט דעמאלט גערוהט אין יעדען ווינקעלע. אויך אויף זיין קלאר ארומגעוואשען פנים האט זי גע-רוהט, אויף זיין ווייס פערשפרייט בעטעל, וואס איז געשטאנען רעלטס פון א גרויס ליכטיג פענסטער, אין וועלכען די זון האט מיט א מארגען-פרישקייט אריינגעקוקט, און נישט ווילענדיג האב איך מיך דערמאהנט אן מיין קליין שטעדטיל, אין וועלכען איך פלעג די מארגענס רוהיג און שטיל פערברייגגען. יענע שטיל-קייט, בשעת איך האב נור דעם קאפ אויפגעהויבען פון געלעגער און ארויסגעקוקט דורך דעם פענסטער אין פעלד אריין, האט מיך ערשט ארומגענומען. און איך האב מיך דערמאהנט אן דער שלאנקייט פון יענע בוימער, וואס שטעהען פעררייסען מיט זייערע הויכע שפיצען און קוקען און גאפען אין דער טיעפקייט פון די בלויע הימלען. איך האב נישט ווילענדיג א זיפץ געטהאן,

דערמאָהנענדיג זיך אָן דעם פריה-מאָרגענדיגען שפּיעלען פון די פויגעל, מיט וואָס מיין אויער פלעגט זיין אַזוי אָנגעזאַפּט, און דאָס ווינדטעל, וואָס האָט געבלאָזען, פלעגט קומען צו מיר, ווי פון אַנדערע וועלטען און דערצעהלען מיר סודות פון אַ שטילען מיט אַ הויכען פלויט אַרומגעצוימטען גאָרטען, וואו עס וועבען זיך שרעקליכע געהיימניספולע מעשיות. און היינט, ווען איך בין שוין דאָרט נישטאָ, האָט זיך מיר געדאַכט, ס'איז אַלץ אודאי שוין פון לאַנג פערוויסט געוואָרען.

מיין חבר וואָס איז ביז אַצינד געווען פערטהאָן, האָט מיך ערשט דערזעהן און האָט מיר צוגעוואונקען, איך זאָל זיצען.

— אַ מין שרעקליכע שטילקייט, — האָב איך צו איהם געזאָגט, און מיין חבר האָט זיך אומגעקוקט:

— וואו ?

— נישט דאָ... אין דרויסען...

ער האָט מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט און איך האָב מיך אַליין אויך פערשעמט. אייגענטליך, האָב איך גאָר אין זינען געהאַט די שטילקייט פון יענעם „היינט שוין פערוויסטען גאָרטען", בשעת איך האָב דאָס געזאָגט.

איך האָב מיך איינגעקוקט אין מיין חבר'ס פּנים, איבער וועלכען די זון האָט געשיינט און געפינטעלט עס מיט ליכטיגע פלעקען, און איך האָב געזעהן, ווי אַ מאָדנע שטילקייט ליגט דערויף אויסגעגאָסען, זענענדיג שוין צוריק פערטיעפט אין זיין שרייבען.

ווען ער האָט געענדיגט, האָב איך איהם שטיל געפרעגט:

— צו וועמען שרייבסטו ?

— צו אַ מיידעל, — האָט ער טיעף-בליקענדיג מיך אָנגעקוקט.

— דו קענסט זי שוין פון לאַנג ?

מיין חבר האָט אַ גליקליך פערטראַכטען שמייכעל געטהאָן און דערנאָך, אָראָבלאָזענדיג זיין בלאַסליך געזיכט מיט דער קוים-האָהרעלעך בעשפּראָצטער געמבע אויף דער ברוסט, געזאָגט:

— צי אין דעם געהט עס ?...

— ניין, געווים נישט, איך ווייס, אז נישט... נור, אז מען שרייבט שוין בריעף...

— יאָ, אודאי קענען מיר זיך שוין לאַנג.

איך האָב געשוויגען, נור אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— אז דו פרעגסט, צי אין דעם געהט עס, בין איך דיר מחויב צו ענטפערן, אז נישט אין דעם און נישט אין דעם. ס'איז ווי אַמאָל. איך האָב שוין געזעהן פערשיעדען זיך אויס־שפּיעלען...

— אַזוי גאָר?... — האָט מיין חבר ווי אַ קוועטש גע־טהאָן מיט די פּלייצעס.

—זי ליעבט דיך?...

— יאָ — האָט ער מיט אַ בעזונדער טאַקט דאָס וואָרט פון מויל אַרויסגערעדט.

— אַזוי איז עפּיס אַנדערס...

אָבער — וואונדערליך, ער האָט דאָך גאָרנישט געדאַכט ביז אַהער... מוז זיין, אז די ליעבע האָט אַ מויל אויף זיעבען שלעסער...

מיין חבר האָט זיך דערווייל פערטראַכט אין דער לופט אַריין און וועגען עפּיס געשמייכעלט צו זיך אַליין, מן הסתם, ווי אַזוי זי ליעבט איהם, — און איך האָב מיך אויפגעהויבען און אַרויסגעגאַנגען, נישט װעלענדיג איהם צונעהמען מעהר צייט.

און אין זעקס וואָכען אַרום, איך קום ווייטער אַריינצו־געהן צו איהם איינמאָל, אין אַ צווישען טאָג און נאַכט, ווען דורכ'ן פענסטער האָט שוין גוט אַריינגעטונקעלט דער הימעל אין שטיבעל, וואו עס האָבען זיך שוין שאָטענס געטוליעט אין די ווינקלען וועגד און דער בעליק איז געווען ווי פערשוואו־מען הינטער אַ גראָהער מאַטקייט, — איז מיין חבר געלעגען אויף זיין בעטעל, איינגעטוליעט אפשר אין דרייען, אין אָנטהון, און דעם קאָפּ זיינעם האָט מען גאָרנישט אַרויסגעזעהן, איינגע־צויגען צווישען די אַקסלען, און דאָס פנים פערקוועטשט אין ביידע הענד אַריין.

בשעת איך האָב איהם דערזעהן אזוי ליגען, האָט מיר אזש א שטאָך געגעבען אין הארץ.

— שלמה, דו שלאָפסט גאר? — האָב איך נישט ווילענדיג א הויכען און ענערגישען געשריי געטהאָן, ווי איינער, וואס דערזעהט פאר זיך עפּיס א שרעקליכע זאך,

פון מיין פאר איהם אומגעריכטען און צו־שטארקען רוף: „שלמה!" האָב איך געזעהן, ווי עס געהט איהם אדורך א ציטער איבער'ן גאנצען קערפּער, און ווען ער האָט זיך שוין געהאָט איבערגעקעהרט מיט'ן פּנים צו מיר, האָט זיך איהם דער שטערן געשרומפּט מיט א מין נישט־ניחא'קייט.

— איך שלאָף נישט...

און דאָס קול האָט געקלונגען ביי איהם פּונקט, ווי ביי א קליין, אונבעהאָלפען קראנק קינד.

— וואָס־זשע דען טהוסטו, דו ליגסט גלאט אזוי?

— גלאט אזוי...

— „אהא!"... טראכט איך און בין געבליבען ווי צוגעשמידט שטעהן א ווייל נעבען זיין בעטעל.

— נו, דו ווילסט שוין אזוי ליגען? — האָב איך איהם געלאסענער, שוין גוט בעדענקענדיג זיך, אז מיט איהם איז עפּיס נישט גלאטיג, געפרעגט.

ער האָט זיך געשטארקט און אויפגעזעצט אויף'ן בעטעל.

— וואָס הערט זיך? — האָב איך נאך א ווייל שוויי־גען געפרעגט, זעצענדיג זיך נעבען איהם, אויף דעמזעלבען בעטעל.

— גארנישט קיין נייעס, — האָט ער געענטפערט און דערביי א טיפען קוק אראבגעגעבען צו דער ערד.

ער האָט צוגעשפּארט די האנד צום קאָפּ און מיט א שמי־לער פערקלערטקייט זיך געשפּילט מיט א פינגער איבער די קנייטשען פון שטערן.

— דערהאלטסט בריעף?...

— ניין, — האָט ער קורץ און שארף געענטפערט.

איך האָב מעהר נישט געקאָנט זיין צער פערליידען און

איך האָב איהם געפרעגט, צי ער וויל נישט געהן אַ ביסעל אין דרויסען.

— ניין, — האָט ער דאָסמאָל אויך אַזוי קורץ און שאַרף געענטפערט, און ווען איך בין שטיל געבליבען אויף אַ לענגערע צייט און האָב שוין גאָרנישט געפונען מיט איהם וואָס צו ריידען, מאַכט ער צו מיר:

— דוד, דו מיינסט, אַז זי איז מיר פאַלש געוואָרען?...

— ניין, זאָג איך, — איך מיין גאָרנישט...

— נור וואָס-זשע דען, עס איז אַזוי, האַ? — גיט ער צו מיר טרויעריג אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

— ניין, פאַרוואָס זאָל זיין אַזוי?... איך ווייס נישט... איך הער, דו זאָגסט מיר, אַז דו דערהאַלסט נישט קיין בריעף...

— הער, זאָגט ער צו מיר, — קיין בריעף דערהאַלט איך טאַקע נישט. נור איך קען איהר איידעל האַרץ!...

— נו, מילא. איז דאָך גוט...

און נאָך אַ ווײַלע שווייגען, ווען אַ טרויעריג מעלאַנכאָלישער שמייכעל האָט בעדעקט זיין גאַנץ געזיכט, מאַכט ער צו מיר:

— נאַר... איך קען צו-גוט איהר איידעל האַרץ... זי ווייסט, אַז מיט אַזעלכע זאַכען מאַכט מען זיך נישט קיין שפּיעלעכיל... זי איז וואויל-געבילדעט, האָט אַ סך געלעזען, ווייסט אַ סך, און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע זאַך...

— נו, פאַרוואָס-זשע דען שרייבט זי דיר נישט?

— דאָס, זעהסטו, ווייס איך טאַקע נישט, — האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ווי אַ שווער רעטעניש וואָלט איהם אַליין אויך פאַרגעשטאַנען. נאַר האָט ער נאָך אין אַ ווײַלע ארום צוגעגעבען — איך וואָלט דאָך מיך נישט געגאַנגען בעטען ביי איהר, אַז זי זאָל מיך ליעבען. נישט איך איהר בין דאָך געגאַנגען וועגען דעם פאַרשלאָגען. זי פלעגט דאָך מיך אַליין רופען פון שטיבעל אַרויס...

און פערטראַכטענדיג זיך דערביי אויף אַ לענגערע ווײַלע, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— מיר האָבען געוואוינט אין איין הויז. ס'הייסט, איהר

פאַמיליע האָט דאָרט געוואוינט און איך האָב אויך געהאַט דאָרט מײַן בעזונדער צימער, וואָס איז געווען אַ טהיר אום אַ טהיר מיט איהרען. די ערשטע צײַט בין איך געווען זעהר ווײַט פון איהר. איך האָב אמאָל געזעהן, ווי זי געהט שפּאַצירען אַלײן אין וואַלד אַרײַן, אָבער איך האָב נישט געהאַט קײן שום אָנהאַנג איהר צו זאָגען, אַז איך וויל אויך געהן. און זי, קאָן זײַן, האָט אויך געוואָלט, אָבער זי האָט עס מיר אודאי און אודאי נישט געקאָנט זאָגען. אײנמאָל בײַנאַכט איז זי געשטאַנען הינטער מײַן פענסטער אַ בלאַסליכע און פערקלערטע, איך האָב דאָס געזעהן און בין אַרויסגעגאַנגען, נישט צו איהר, נור אויף דער שוועל האָב איך מיך געשטעלט און אויך אַרויסגעקוקט. זי האָט דאָס געזעהן און מיך געפרעגט, צי איך הער דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס. די לבנה איז געשטאַנען אַ געלע און פערקלערטע איבער די שפּיצען בוימער פון וואַלד, זי האָט שוין געהאַלטען אין זינקען, אַזוי ווי אין די קורצע זומער־נעכט האָט זי נור אַ קלײן שטיקעל הימעל, קוים בײַ דער דרום־זײַט, דורכצוגעהן, און איך האָב איהר געזאָגט, ס'הײַסט, דעם מײדעל, אַז עס מוז שוין זײַן גוט שפּעט.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — מען וועט שוין געהן שלאָפען...

און איך ווײס נישט פאַרוואָס זי האָט דעמאָלט, אַרײַנגעהענדיג צו זיך אין צימער און עפענדיג די טהיר, געלאָזט זי אַזוי אָפען שטעהן אַנטקעגען־איבער מײַנער, וואָס איז אויך אָפען געשטאַנען. איך האָב געפיהלט, ווי זי טהוט זיך דאָרט אויס. אין גאַנצען הויז איז געווען שטיל. מען איז שוין געשלאָפען, און פון איהר, פון רחמה'לען האָט מען אויך נישט געהערט קײן שאָרך. דאָס זענען געווען מינוטען עפּיס פון פער'כשופ'טען שווײַגען. מען האָט געקאָנט הערען אַ פליעג, בשעת זי וואָלט דורכגעפלויגען. נור אין אַ שפּעטער ווײַלע אַרום איז זי צוגעקומען צו איהר טהיר שוין אינגאַנצען אויסגעטהאָן, באָרוועס אפילו, נור וואָס אין אַ קאָלדרע אַרומגעוויקעלט, אויסגעפּאַסט אַרום איהר קײַלעכדיגען קערפּער, און צולאָזט די האָהר, וואָס האָבען

זיך, ווי בייטשען אראבגעשיט איבער איהר ווייסען האלז און הויכען ביוסט. און דעמאלט האט זי מיך זעהר שען, מיט א ליעבליכען שמייכעל פון איהר שווארץ בע'חנ'טען קוק פון הינ־ טער'ן שטערן אפער איבערגעבעטען און, זאגענדיג א גוטע־נאכט— פערמאכט די טהיר. איך בין געווארען ווי צומישט און האב מיך אנגעהויבען אליין צו זידלען, ווייל אז זי האט אפען געלאזט די טהיר בשעת אונזער אריינגעהן, און זי איז געגאנגען פאר־ אוים און איך נאך איהר, האט זי אודאי געמיינט, אז איך זאל נאכגעהן איהר גלייך פון דער שוועל אראב און אז איך זאל זיצען ביי איהר א האלבע שעה און פערברייננגען. נור איך האב מיך פערשפארט לאנג צו זידלען און צומארגענס האט זי מיך שוין אליין גערופען אין וואלד אריין שפאצירען. און דעמאלט, אריינגעהענדיג שוין צווישען די ביימער, האט זי מיר דאס ער־ שטע מאל געזאגט מיט אנ'אראבגעלאזטען קאפ:

— איך האב גארנישט געוואוסט, אז איהר זענט אזא שע־ מעוודיגער און אז איהר האלט זיך אזוי פון דערווייטענס פון א מיידעל...

מיך איז דעמאלט בעפאלען א שרעקליכע פרייד, אז דאס הארץ האט זיך אין מיר אזש געוואלט ארויסרייסען פון גרולה פאר אזעלכע שענע, אפענע רייד. נאר אנשטאט דעם בין איך נישט אימשטאנד געווען גארנישט צו טהאן. אפילו נישט צו ענטפערן קיין ווארט, און איך האב נור אין דער שטיל, אין מיר מיין אייגענע פרייד ווי פערקוועטשט, זי זאל נישט ארויסשפרינ־ גען צו־הויך... און דערנאך פלעגען מיר שוין געהן שפאצירען טאג אויף טאג און מיר פלעגען זיך פערגעסען אויף גאנצע שעה'ן אין וואלד.

און איינמאל, ווען מיר זענען געזעסען אין דער טיעפער געדיכטקייט אין וואלד, הינטער א שאטען פון א בוים, און זי האט צו מיר ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן אקסעל און אין א מי־ נוט ארום, ווען זי האט זיך אינגאנצען אהנמעכטיג אראבגעגליטשט מיט'ן קאפ הינטער מיין רוקען, האט מיר ווי מיט א האמער גע־ קלאפט אין די שלייפען, און איך בין געזעסען א דערשלאגענער,

א צומישטער און דערשראָקענער, נישט וואַגענדיג זיך אפילו אַ ריהר צו טהון. שפּעטער איז זי אויפגעשטאַנען, ווי קוקענדיג אין דער לופט מיט אַ קעלטליך פּנים און איך ווייס נישט — עפּיס איז זי נישט געווען אַזוי פרעהליך...

בייגאַכט, ווען איך בין געלעגען אויפ׳ן געלעגער, האָט מיר דער קאָפּ שטאַרק וועה געטהאָן. עפּיס האָט זיך מיר גע-דאַכט, אַז זי איז צום אהיים-געהן געווען צופיעל פערשלאָפען אין זיך אריין מיט איהרע געדאַנקען, און זי האָט אַ גאַנצען וועג נישט געקוקט אויף מיר...

אָבער צומאָרגענס איז זי מיט מיר ווייטער געגאַנגען, און איך האָב שוין פון די בייגאַכטיגע מחשבות פערגעסען.

אַזוי האָט זיך געפיהרט אַ גאַנצען זומער, און צו מיין אוועקפאָהרען שוין פון דאָרט האָט זי מיך איינע אַליין בעגלייט ביז אויפ׳ן ברעג פון טייך, אַז אפילו די עלטערן זאָלען נישט וויסען...

און איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר האָט זיך ווידער גע-טהאָן — זי האָט מיך געקושט און איך בין ווייטער געוואָרען פערשטיינערט, ווי דעמאָלט אין וואַלד, און האָב איהר אפילו קיין איין קוש נישט צוריק געגעבען.

און איך בין דאָך נישט אַזוי סענטימענטאַל — האָט מיין חבר אין דער מיט געגעבען פּלוצלונג אַ געשריי אַרויס און דער שטערן איז ביי איהם צוקנייטשט געוואָרען, ווי פון אַ בייז געווי-טער די אויבערפלאַך פון אַ וואַסער — נור שכור בין איך גע-ווען. אַט, וואָס עס הייסט שכור!...

ער האָט זיך פערטראַכט אויף אַ ווייַלע, און ווען אַ מעלאַנ-כאָלישער טיעף-ריהרענדיגער שמייכעל האָט בעדעקט זיין גאַנץ פּנים, אַזש אויסקרימענדיג עטוואָס די ליפּען ביי איהם, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— נור, ווי שען זי האָט זיך געזעגענט מיט מיר! ווי שען זי איז געשטאַנען אויפ׳ן ברעג מיט אויפגעהויבענע אויגען איבער מיין שיף, וואָס האָט זיך שוין געגליטשט מיט מיר איבער׳ן טייך ווייט, און זי האָט געגען מיר, וואו איך בין געשטאַנען

אויף דער דעק, געפּאַלט מיט איהר ווייס טיכעל אין דער לופט אריין...

איך האָב געזעהן, ווי זיין בליק איז שוין געוואָרען מיט בלוט אָנגעגאָסען און איך בין אויפגעשטאַנען פון בעטעל און געזאָגט איהם, אַז איך וויל שוין אַהיים געהן.

— געוויס — האָט ער פּלוצלונג אַ שעפּטשע געטהאָן, ווי עס ווייזט אוים, גאָרנישט אויסהערענדיג מיין פאַרשלאַג — און דו ווייסט, — איז ער פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען פון בעטעל און מיך אָנגעקוקט מיט אַ בעזונדער מין דורכדרינגליכקייט פון זיין בליק, — אַז דאָס אייגענטליך וויל איך איהר צו וויסען געבען: „אַז מיין האַרץ האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו האָפען... און אַז... אַז איך בין אין דער גרעסטער זיכערקייט וועגען איהר עהרליכקייט צו מיר... דו פערשטעהסט!...

און אָט האָט ער מיט איין שפּרונג געגעבען אַ דערלאַנג צום ביכער־שענקעל, ווי עפּיס אַ בעזונדער מין ענערגיע וואָלט איהם פּלוצלונג אַ צושאָקעל געטהאָן.

איך האָב געזעהן ווי ער צינדעט־אָן די לאָמפּ, און בשעת דאָס שוועבעלע האָט שוין געפלאַקערט אין זיין האַנד מיט אַ פּלוצלונג־אויסגעשאָסענער רויטער ליכטיגקייט איבער דעם שטי־בעל, האָט מיר זיין צושויבערטער, בעלויכטענער קאָפּ, וואו איך האָב אַצינד דייטליך געזעהן זיינע צורודערטע פּאַסמעס שוואַרצע האָהר, אויסגעזעהן מאָדנע ווילד און צושטורמט.

איך האָב איהם געוואונשען אַ גוטע־נאַכט און בין אַוועק אַהיים.

די נאַכט איז געווען זעהר אַנ׳אומעטיגע און איך האָב מיך געפיהלט זעהר איינזאַם. אויסער דער ברענענדיגער לאָמפּ ביי מיר אויפ׳ן טישעל און דעם שאָטען פון מיין אייגענעם קאָפּ אויף דער וואַנד, האָב איך קיין איינציגען פריינד נישט געהאַט אויף דער וועלט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז פאַר מיר ווי אָבגעשטאָרבען, אַזאַ מין עלענד האָט

מײַן חבר אויף מיר אָנגעוואָרפען. און נאָכמעהר האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יעדער מענש, וואָס לעבט אויף דער וועלט, איז אַ מין אָבגעזונדערט, אָבגעהאַקט שטיק פיין. מיר האָט אַזוי שרעקליך אָנגעהויבען וועה צו טהאָן דער קאָפּ און, נישט ווילענ־דיג, האָב איך אַרויסגעזיפצט: פערביטערטע, עלענדע מענשען! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט קאָן שוין גאָר קיין שום תקומה נישט האָבען. אפילו וואו צוויי ליעבען זיך שוין איינ־אַנדער, איז מיר אויך אויסגעקומען צו זעהן, ווי אויף זייערע פנים'ער ליעגט אַן'אייביגער, אונאויסשפּעכענדיגער שמערץ. איך האָב די צוויי מענשען געזעהן אָבשטעהן נאָכט בײַ נאַכט גאַנצע שעה'ן, נישט צו געבען זיך קיין ריהר פון אָרט. און נישט רײַ־דענדיג צווישען זיך, האָבען זייערע אויגען אויסגעזעהן ווי בלאָנ־דזשענדיג ערגיץ־ווײַט, און זייערע בלאַסע פנים'ער — ווי אַ כשוף פון פערשטיינערטקייט וואָלט אויף זיי געלעגען.

מיר איז די נאַכט געווען ווי צושרויפט דער קאָפּ פון די אַלע געדאַנקען, וואָס זענען אין מיר דורכגעגאַנגען. און ווען איך בין געגאַנגען שלאָפען, האָב איך שוין נישט געשפּירט, צי לעב איך אויף דער וועלט. איך האָב מיך אויסגעדרעהט אויף מײַן בעט מיט'ן פנים צו דער וואַנד און, ליעגענדיג אַזוי צוגע־מרוזשעט די אויגען, האַלב וואַך און אינגאַנצען פערזונקען אין שווערע געדאַנקען, וואָס האָבען דורך זייער אָנגעפּולטקייט אין מײַן קאָפּ ווי בעטויבט מיך און אַרײַנגעוואָרפען ווי אין אַ חלשות־דיג דרעמלען, האָב איך אַליין נישט געפיהלט, ווי איך בין ענדליך אינגאַנצען אײַנגעשלאָפען.

נור אָט האָב איך דערהערט, האָטש נישט גאַנץ דײַטליך פאַר מיר, אָבער אין שלאָף האָב איך געפיהלט געגוג הויכע שטימען פון צוויי פאַרשוינען, וואָס האָבען זיך דערנעהנטערט צו מײַן טהיר, רײדענדיג צווישען זיך מיט אַ שטאַרקער פערטהאָענ־קייט, ווי וועגען עפּיס אַ גרויס געשעהעניש, וואָס האָט נאָר־וואָס פּאַסירט, און באַלד דערויף אַ קלאַפּ אין דער טהיר און איך בין פון בעטעל אויפגעשפּרונגען.

— ווער איז עס? — איז געווען מײַן ערשטער אויסגעשריי

און אַז איך האָב די טהיר אָבגעקװיטעלט, זענען פאַר מיר שטעהן געבליבען צװײ פון מײנע חברים.

— דו שלאָפסט שוין? — האָבען זײ מיט אַ מין פערבלאָנדזשעטקײט און נאַכט־בלישצלעך אין די אויגען זיך אַרומגעקוקט.

— יאָ, איך שלאָף שוין, — האָב איך מיך װי נישט װילענדיג געגעבען עפּיס אַ קוק אום צו דער ברענענדיגער לאָמפּ אויפ׳ן טיש, װאָס האט נאָך געברענט אַלץ אין דעמזעלבען צושטאַנד, װי אײדער איך בין אײנגעשלאָפען.

— שלמה איז דערטרונקען געװאָרען.

— שלמה? — —

און פּונקט װי נישט דאָס װאָלט געװען דער עיקר, האָב איך מיך געגעבען אַ פרעג איבער:

— נו, האט מען זיך שוין דערװואוסט... װען איז דאָס געשעהן?

— דאָ אויף דער נאַכט.

איך בין געשטאַנען אַ װײַלע אונבעװעגליך, ביז איך האָב דערפּיהלט װי אַ קיהלקײט נעהמט מיך אַרום אין מײן נאַקעטען שטעהן און, צוריקגעהענדיג שוין צום בעט, איבערגעפרעגט:

— װי אַזוי איז דאָס געשעהן?

מײנע חברים האָבען זיך געשטעלט בײ מײן בעט און מיר דערצעהלט:

— ער איז די נאַכט זעהר פרעהליך געװען און איז געגאַנגען נעהמען זיך אַ שפּיעל אין גאַרטען. אַ סך יונגע־לײט מיט מײדלעך זענען נאָך אַרומגעפאָהרען, בשעת ער איז צוגעקומען צום װאַסער. נור שפּעטער איז אַלץ געװאָרען שטילער און שטילער. ער איז נאָך אַלץ געזעסען אין שיפעל, האַלטענדיג זיך דערמיט אָן אַ זײט, בײם בריקעל־צו, װאו דאָס װאַסער איז צום טיעפסטען און קאָמוניקירט זיך מיט דעם אַנדערן װאַסער, װאָס איבער דער צװײטער זײט בריקעל. און אויף יענעם אָרט, מען װײסט נישט, װאָס פאַר אַן׳אומגליק עס איז געשעהן, צי דאָס שיפעל האט זיך געטהאָן אַ װאַקעל, אָדער ער האט זיך

אַליין געגעבען אַ נישט-פאַרזיכטיגען בויג — און ער איז אַרויס-געפאַלען דערפון... מען וואָלט גאָר נישט געווען געוואוסט דערפון אויך. נור דער גוי, וואָס פערדינגט די שיפלעך, אַז עס איז אויסגעגאַנגען די שעה און ער האָט איהם נישט געזעהן צו-ריק, איז ער איהם נעגאַנגען זוכען — און דערזעהן, ווי דאָס שיפעל שטעהט ליידיג בײַ איין זײַט ברעג, אַרויסגעשטופט פון די חוואַליעס, מוז זײַן, אַ היטעל פון אַ מענש אויף דער צווייטער זײַט ברעג און די וויאַסלע איז גאָר אינגאַנצען פערשוואוּמען ווײַט אַוועק. מען האָט באַלד אָנגעהויבען אַרומפאָהרען מיט שיפלעך און אָנגעצונדענע לאַמטערנדעך איבער׳ן וואַסער, און מען האָט איהם אַרויסגענומען, שוין אינגאַנצען געל, מיט אַנ׳אַרונטערגעהאַנגענעם קאָפּ, און דאָס וואַסער האָט זיך גענאָסען צוזאַמען מיט אַ שוים פון מויל.

בײַ מיר האָבען זיך די אויגען פערקוועטשט אונטער׳ן שטערן, אויסהערענדיג די מעשה, און מײַנע חברים זענען שטיל געבליבען, ווי דער טויט. איינער האָט זיך פערטראַכט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, האַלב אין שאָטען, און דער צווייטער מיט אָנגעשטעלטע אויגען צום פײַער׳ל פון לאָמפּ.

ענדליך האָבען זיי זיך אופגעחאַפּט פונ׳ם לאַנגען שטעהן:

— ווי שפּעט ועט שוין ערשט זײַן?

— פונקט צוויי...

זיי האָבען פערלאָזט מײַן צימער, יעדער פאַר זיך מיט אַ שטילען זיפץ און איך בין געבליבען איינער אַליין.

אַצינד האָב איך דערפיהלט, ווי אַ פוסטקייט, ווי אַ ווינד וואָלט איבער דעם גאַנצען שטיבעל זיך אַרומגעטראָגען.

איך האָב מיך אײַנגעקאָרטשעט, און איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי איך האָב די רעשט נאַכט פערבראַכט. איך האָב מיך געפיהלט ווי אַ דיקער שלייער וואָלט זיך צווישען מיר און דער וועלט געלעגט — און איך ליג בעגראָבען, ווי אַ קליינטשיק ווערימעל אין אַ גרויסער פינסטערניש ערגיץ, און ווײַט, ווײַט איז ערגיץ פאַרהאַן אַ וועלט, וואו עס פלעכטען זיך שרעקליכע סודות און מעשים.

אין ערוואַרטונג.

אין ערוואַרטונג.

אַ דראַמאַ אין איין אַקט.

פערזאָנען.

מייטע.)
מינקע.) שוועגערינ׳ס, פראָסטע ווייבער.
נעכע.)
אברהמ׳עלע — פינקעס אַ יונגעל פון אַ יאָהר 6.
אַ קריסטען — אַ וועשין.
ערשטער שכן)
צווייטער שכן) קריסטען.

אַ זומער-וואוינונג אין וואלד, אַ רויט געפארבט הויז מיט ווייסע געמאָל. טע טהירען און פענסטער און צוויי ווערענדיס, פערפלאָכטען מיט בעז און געשיצט אונטער׳ן שאָטען פון בוימער, וואָס שטעהען ארום הויז, ארום און ארום — אַ פלויט. איבער׳ן פלויט רעכטס פון צושויער — צוויי הייזלעך מיט איינציגע ווערענדעס און אָבגערוקט איינס פון דאָס אנדערע אויף אַ צוואנציג טריט. לינקס — אַ פאָרטקע אין וואלד אריין. און אין

דער אײַנגענער זײַט אונטער דער סצענע — א שפּיץ דאַך פֿון א ווײַטער־דיגען הויז, אין מיטען גאָרטען — א ברונען און א הושטאַווקע אויף שטריק צווישען די בוימער. א קישען ליגט אונטער דער הושטאַווקע. פֿאַרנאַכט. די זון געהט אונטער, פֿערזינקט אונטער'ן וואַלד קעגען דעם בלייז פֿון צווישען די צוויי שכני'שע הײַזלעך. די לופֿט, די שפּיצען בוימער און א האַלבער גאָרטען מיט דעם שפּיץ דאַך פֿון הויז און איין וועראַנדע מיט דער גאַנצער זײַט וואַנד אונטער איהר — איז פֿערגאָסען מיט א פֿורפּורנער רויטקײַט פֿון די לעצטע שטראַהלען. דער הימעל אויף מערב־זײַט ווערט וואָס אַמאָל רויטער, פֿלאַמען צוגיסען זיך. דער וואַלד דאַכט זיך, ברענט).

ערשטער אויפֿטריט.

מײַטע, מינקע, נעכע, אברהמ'עלע.

מײַטע (זיצט אויף דער ערשטער וועראַנדע מיט'ן פּנים צו זון־אונטערגאַנג. דאָס געזיכט—רויט בעלויכטען. קוקט טריב אין וואַלד אַרײַן).

מינקע און נעכע (זיצען אויף דער צווייטער וועראַנדע קעגען איבער, הארט אײַנע נעבען דער אַנדערער, אָנגעשפּאַרט די קעפּ אָן דעם אָנלעהן פֿון דער באַנק — די געזיכטער בלאַס, אײַנגעהילט אין שאָטען, שטאַרק אומעטיג).

אברהמ'עלע (נעבען דער מוטער, מיט'ן קעפּיל אין איהר שויס אָנגעלעהנט).

מײַטע: אפילו קאָפּ־הענער קענען שוין אויך פֿערמאוסט ווערען...

מינקע און נעכע (קוקען זי אָן).

מײַטע: קענען דעם... דער גוי קריכט שוין צופֿיעל אין די לעבער אַרײַן...

נעכע: דער שכן, דאָ?...

מײַטע: דער!... (ווײַזט מיט דער האַנד איבערן ערשטען הײַזעל).

מ ײ ט ע (דרעהט איבער דעם קאָפּ): אָן זײערע קעפּ זאָלען זײ דאָס דערלעבען, וואָס זײ ווילען אָן אונז דערלעבען...

ג ע ל ע (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ): דער אויבערשטער וואַרט אַזוי גוט דעם רשע, ווי דעם צדיק...

מ י נ ק ע (מיט אַ בלאַסען שמײכעל): דער אויבערשטער וואַרט... ער וועט דאַכט זיך וואַרטען אַזוי לאַנג, ביז עס וועט איהם, חלילה, קײן אײנציג יודעלע נישט בלײבען...

מ ײ ט ע: אונזער בעל־גוף אַלײן וואָלט אַלע טאָג אַנדערע אָעהן יודען אויסגעשטאָכען...

מ י נ ק ע: אַ שענע װעלט... אַזאַ גוי זאָל קענען אונז אין די אויגען זאָגען: פאַר אײך יודעלעך איז ביאַליסטאָק נאָך וועניג...

(פּ ױ ז ע)

נ ע ל ע (צו מײטען): און וואָס האָסט דו געמאַכט מיט איהם?...

מ ײ ט ע: כ'האָב איהם געמוזט געבען — — אויך מײן דאגה — — פריהער צו שפּעטער, בעצאָהלען דאַרף מען דאָך...

נ ע ל ע: שוין דאָס גאַנצע דירה־געלד?

מ ײ ט ע: דאָס גאַנצע. שוין ביז צום סוף — אַ גוי, אַ בײזער שלאַנג... לאָז מיר בעסער פּערפּעהלען, אײדער איך זאָל האָבען מיט איהם צו טהאָן... דאָס גאַנצע געלד אויף אײן מאָל, האָט ער זיך אײנגעשפּאַרט: בײ איהם איז הײנט „קרוזינעס" (פּויזע). פלאַשען אַ ביסעל, בראָנפען אַ ביסעל...

נ ע ל ע: וואָס דען, בײ זײ!...

מ י נ ק ע: נו... און מילך וואו וועסט דו נעהמען?...

מ ײ ט ע: בײ דעם שכן — נישט בײ איהם! איך האָב איהם געזאָגט: איך קען מיך מיט'ן שכן נישט צוקריגען. ער קומט טײלמאָל בײנאַכט אַ קוק טהאָן, וואָס מיר מאַכען...

ער איז אונז אַ גוטער פריינד — אַ ליאַדע וואָס ביינאַכט — איז ער שוין אין דרויסען...

מינקע: נו... ער האָט זיך נישט געוואָרפען, דער בעל-גוף, אַז דו האָסט איהם אָבגעזאָגט?...

נעכע: עס האָט'ן געמוזט קרענקען?...

מייטע (בערענקענד): נו, וואָס פאַר אַ ברירה האָב איך געהאָט?...

מינקע: אודאי! מען קען זיך נישט צוקריגען מיט'ן שכנ'ס ווייב. האָטש איין שכן אַ גוטען פריינד... ס'אַנדערע, ער היט דאָך אונז טאַקע אָב... און אונזער בעל-גוף — מען זאָל אונז, חלילה, אויסשעלטען מיט די קינדער, איז אויך נישט זיין דאגה.

אברהמ'עלע (הויבט אויף דאָס קעפּיל): מאַמע... מאַמע... וועמען?...

מינקע: וואָס?...

אברהמ'עלע: שעלטען...

מינקע: נאַרעלע... נישט אונז מיינט מען... (טוליעט איהם צו זיך).

אברהמ'עלע (נעהמט די מוטער אַרום, פערבאָרגט דאָס קעפּיל אין איהר אָרעם).

נעכע (צו מייטען, מיט אַ וואונק אויף אברהמ'עלען). אַזאַ שוואַלב, נעבעך...

מייטע: האָסט מורא?

מינקע (פערבייסט מיט די ליפּען, טוליענדיג אברהמ'לען): נײן... נײן... אברהמ'עלע איז אַ וואויל יונגעלע!...

(לאַנגע פּויזע).

(אַלע פערטראַכטען זיך, ס'ווערט טונקעל).

אברהמ'עלע (הויבט לאַנגזאַם אויף דאָס קעפּיל, קוקט אויף מערב-זייט פערטראַכט): מאַמע... מאַמע... דאָרטען שמייסט מען די רשעים מיט פייערדיגע ריטער?...

מינקע: יאָ, אברהמ'עלע... אַלע רשעים, וואָס ווילען ווערען שלעכטס טהאָן... (צו נעכען און מייטען אויפ'ן וואונק): יאַקי אָן מאָנדרי..."

(פויזע)

אברהמ'עלע: דער הימעל איז אַזוי רויט —— אַזוי רויט —— מאַמע... מאַמע... און פאַרוואָס קומט נישט דער טאַטע, זיין מיט אונז?...

מינקע: ער ווערט קומען, אברהמ'ישי... ער וועט קומען... אויף שבת, מען זאָל עס דערלעבען...

אברהמ'עלע: אז גאָט וועט מאַכען שבת מאָרגען —— וועט ער קומען מאָרגען?...

מייטע: נאַריש קינד מיינס... (גלעט איהם צערטליך).

נעכע (מיט א געלעכטער'ל): וואָס פרעגט ער, דער קלוגער זוהן דיינער?... (גיט איהם א קניפּ אין בעקעל).

מינקע: אַ קינד... א דאגה וואָס...

אברהמ'עלע (צו דער מוטער): און גאָט וועט אונזער שכן (וואָס מיט'ן הענדטעל אויפ'ן ערשטען הייזעל) אויך שטראָפען אויף יענער וועלט?...

מינקע: ניין, אברהמ'ישי... ער וועט אזוי פערפוילט ווערען... מען וועט איהם גאַר נישט נעהמען צום משפט...

אברהמ'עלע (פערטראַכט): נאָכ'ן טויט וועט מען איהם פערגראָבען אין אַ פינסטערן גרוב...

מינקע. יאָ...

אברהמ'עלע: און ער וועט שוין נישט קענען אָנרייצען די הינד אויפ'ן טאַטעשי?...

מייטע: ניין...

(פויזע)

(ס'ווערט טונקעלער. שטיל. די נאַכט פאַלט צו. אויף דער וועראַנדע פון ערשטען שכנ'ישען הייזעל קומט אַרויס א גוי, האַלב נאַקעט און

אין די בלויז העמד-ארבעל, איין עלטערער, מיט באקען-בערד, א גאָל-גלאַטען קאָפּ אפער, און א פּאָר פּאַנטאָפלים, שלײַכט זיך לײַכט, קוים בעווענליך).

דער שכן (שלײַכט זיך אראב פון דער ווערענדע אונטער דער וואנד פון הײזעל, רופט): בוינעק-נא! סיריק-נא! (עס דערהערט זיך דאָס וואר-טשען פון א הונד אונטער דער סצענע).

אברהמ'עלע (הויבט אויף דאָס קעפּיל און קוקט נײַגעריג פון וואנען דאָס קול קומט).

מינקע: שרעק דיך נישט נארעלע... (שפּאַרט איהם צוריק אין דאָס קעפּיל אין זיך. צו נעכען): אזא קינד, נעבעך... (בלאָזט איהם אָב, טוליעט איהם צו זיך). וועה צו דער מאַמען... ווי דאָס צא-פּעלט... אזא פײגעלע...

(א שיקסע מיט צולאָזטע האָהר, א דיק געזיכט, ברײטען פולע ברוסטען און פערשארצט די ארבלען, טראָגט דורך א גרויסע פול-אָנגעגאָסענע שיסעל. א ווילע איז שטיל. באלד הערט זיך א געחלאפּטשערײַ פון די הינד אפער דער ווערענדע. דער שכן קוקט זיך צו מיט פערגנע-גיגען צו דער ווערענדע, וואו די ווײַבער זיצען, און געהט צוריק אוועק אין שטוב, עפּעס ווארטשענדיג צו זיך. עס ווערט נאָך שטילער, דאָס חלאַפּטשען פון די הינד טועפּעד — ס'ווערט נאָך פינסטערער).

מײַטע: אויף אזוינס האָב איך מיך נישט געריכט — אזא זומער צו פערברענגען!...

מינקע: קענען וואס מײַנסט דו?

מײַטע: קענען דעם—וואס האָט מיר גאָר געטויגט דאָס גאנצע זומער-וואוינונג... א מאנספערשוין נאָר אָנצוזעהן פון שבת צו שבת, און טײלמאָל דאָס אויך נישט...

מינקע: אודאי — ווײַבער אלײן... וואס, אומשטײנס-געזאָגט, האָבען זיי פּאָר א בעטרעף!... וואס זענען זיי גע-אכט...

נעכע: ציטערן פאר א ליאַדע שאַרך.. פאר א גוי... פאר א הינדטעל אפילו?

מייטע: די מאַנען אונזערע זענען דאָך אויך נישט קיין גרויסע בריות... פונדעסטוועגען איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש — פּאָרט מאַנסלײַט..! און שבת איז אַ סך פרײַער...

מינקע: און צו וואָס האָב איך נאָך געדאַרפט דאָס זומער-וואוינונג?... מילא, דו — — ביזט דו האָטש אַ גאַנצען ווינטער קראַנק געוועזען, אָבער איך?...

מייטע: אָבער איך?... ווען דערצעהלסט דו מעשיות? — עס קומט אויס, אַז איבער מיר ביזט דו אַרויסגעפאָהרען, גלײַך דו וואָלסט עס גאָר נישט געדאַרפט... — — האָסט נאָך וועניג צוטהאָן געהאַט מיט רפואות? און זאָגסט גאָר קיינמאָל נישט: „דאָס הצ״ן?..." האַ? — —

מינקע: עט... אַז מ׳וויל, איז עס אַ נאַרישקײַט... איז נישט כדאי איבער דעם צו זיצען שטאָק אַליין, און איבער צוטראַכטען ווענען די אַלע שענע מעשיות, וואָס הײַנט טהוט זיך אָב...

נעכע: וואָס טויג אונז שוין די רייד?... די מאַנען האָבען גלאַט געשײַנט פון גליק... וואָס זיי קענען אונז אַרויסשיקען אויף אַ זומער-וואוינונג, צום סוף האָבען מיר נאָך צו ריידען...

מינקע: אַלץ וואָלט שוין נישקשה געוועזען... נאָר די נאַכט... די נאַכט!..

נעכע (צו מינקען): דאָס ביזט דו די נאַכט אַראָבגעגאַנגען צו דער טהיר זיך אײַנהערען?...

מינקע (שווײַגט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

מייטע: וואָס איז דען דאָ מורא צו האָבען?... די פּים זאָלען זיי פריהער צוברעכען, די חוליגאַנעם, איידער זיי זאָלען אַהער טרעפען!...

מינקע: מילא... מען פערלאָזט זיך טאַקי אויף גאָט... אָבער אַ קודם... מען איז דאָך נאָר אַ מענש... איך מיין, מען איז דאָך אומעטום בײַ גאָט אין דער האַנד...

מייטע: און וואו אַ שטײַגער קען מען הײַנט אָבער זײַן?... אָט זענען מיר אַנטלאָפען פון שטאָט אַרויס... און אַ שטיק

דעריבער טאקי... וואס קען שוין זיין גוט, אז מיר אין די אויגען פאלט א מענש געשאסען אויף דער גאס. די אויגען זאלען אזוינס נישט זעהן, רבונו־של־עולם, ווי דער מענש האט זיך געראנגעלט ליגענדיג אין זיין אייגען בלוט —— און מיט'ן קאפ האט ער נאך געדרעהט פאר גרויס יסורים... (מיט פערשטיקטע טרעהרען) און דאס אומגליק יאגט אומעטום נאך... שטעהט אומעטום אונטער די פלייצעס...

(פויזע)

נעכע (פערטראכט ארומקוקענדיג זיך): די נאכט פאלט צו... דער טאג ווערט קלענער...

מינקע: יא... קלענער... (קוקט זיך איין אין אברהמ'עלעס געזיכט). א בלאס קינד, נעבעך... אויף דער שוים איז דאס מיר אנטשלאפען געווארען...

נעכע (ווייזט מיט א פינגער): שא... וועק איהם נישט.

(לאנגע פויזע)

(א שטילקייט, וואס אמאל קוקט זיך איין אנדערע אום צווישען די בוימער, און הערט זיך איין צום שארכען פון די בלעטלעך).

מייטע: מען וואלט שוין אפשר געדארפען אנצינדען פייער?...

מינקע: איך געה באלד אריין, לעגען דאס קינד שלאפען, וועל איך אנצינדען.

מייטע (שטעהט אויף): איך געה שוין... וועל איך אין איינוועגס א קוק טהאן צו מיין אוצר אויך... פון א שטיק פארנאכט אן שלאפט עס נעבעך...

מינקע: געהסט?... גיב־שוין דארט א בליק צו מיינם אויך...

מייטע: גוט... (געהט אב פון איהר ווערענדע דורך דער טהיר אין שטוב אריין).

מינקע (צו נעכען): און ס'איז דען נישט ריכטיג ווי גאָלד, מיינסט דו?...

נעכע: וואָס?

מינקע: אָט דאָס, וואָס זי דערצעהלט דאָ... וויפיעל מאָל, דעם ווינטער, איך פלעג אַרויסגעהן פון שטוב און טראַכטען פלעג איך: ווער ווייסט, צי וועל איך זי נאָך אָנקוקען... אַז איך בין שוין געשטאַנען ביי דער טהיר מיט דער פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ, פלעג איך מיך נאָך צעהן מאָל אומקוקען אויפ'ן ביסעל אָרימקייט, אויף די קינדערלעך... קיינער ווייסט נישט, וואָס אונטער די פּלייצעס געהט איהם נאָך... אַ טאָמער, חלילה, חאַפּט מען מיך פון די גאַס אַראָב און וועלכען שפּיטאָל אַריין —— פלעג איך מיך טיילמאָל אַזוי אין די מחשבות אָבגעזעגנען מיט דער שטוב... דערמאָן דיך נאָר דעם ווינטער, ווען מען האָט זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם. אַ גאַנצע נאַכט בין איך אָבגעזעסען ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט... ער, דער מאַן, איז מיעד. די קינדער —— דעסגלייכען. אַלע שלאָפען. אין גאַס איז אַזוי פינסטער, חושך, מען זעהט קיין לעבעדיגען הונד נישט. אַ מאוסע נאַכט געווען. דער רעגען האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּען אין די שויבען אַריין, נאָר וואָס אין גאַס האָט געבלישטשעט אַ לאַמטערן, איינע, איין איבערגעבליבענע פון אַלע אויסגעהאַקטע... האָב איך נאָר געקוקט אויף דעם פייערל... דער ווינד האָט עס געלאָשען, און איך האָב געציטערט מיט דער נשמה: אָט קומען אָן חוליגאַנעס, אָט לעשען זיי אויס די לאַמטערן, כדי עס זאָל זיין נאָך פינסטערער, מען זאָל אפילו נישט זעהן וואו צו אַנטלויפען... קיין מאַמע אין דער וועלט היט שוין נישט אַזוי די נשמה פון איהר קינד, וואָס האַלט איהר ביי אויסגעהן אויף די הענד, ווי איך האָב דאָס פייער'ל געהיט... —— ערשט שפּעט, גאָר שפּעט... דורך דער וואַנד פון שכן האָט שוין דער זייגער געשלאָגען פיער, האָב איך מיך ערשט צוגעשפּאַרט אין אָנטהאָן...

נעכע: און קיין זעלבסט-שוץ איז נישט געשטאַנען ביי אייך אין טויער?...

מינקע: תחילת נאַכט איז עפּעס יאָ געשטאַנען... איז געוועזן מעהר געליאַרם, ווי עפּעס... און אַ טאָמער האָט עמיצער אַ רודער געטהאָן בייַ'ם טויער, זענען זיי אַליין אויך דערשראָקען געוואָרען... וואָס קען אַ שטייַגער מייַן מאַן, צי דייַן מאַן טויגען צום שלאָג? אויסגעבלייַכט, אויסגעמאַטערט — דו ווייסט דאָך... און מען שטעלט אַזוינס אַנידער אויף דער וואַך...

געלע (אָבזיפצענדיג): איז טאַקי נישט גוט...

(פּויזע).

(אין שטוב ווערט דערווייל רויט-ליכטיג פון אַן'אָנגעצונדענעם הענגלאָמפּ, וואָס הענגט קעגען-איבער דער אָפענער טהיר פון דער וועראַנדע. אַ פּאַס ליכטיגקייַט פאַלט דורך דער אָפענער טהיר און צולעגט זיך טיעף אין גאָרטען אַרייַן. שטיל).

מייטע (בעווייזט זיך אויף דער שוועל, וואו מינקע און געלע זיצען, בעמערקט דעם הימעל): וואָס פאַר אַן'אויסגעשטערנטקייט הייַנט איז...

מינקע: יאָ... אַ שענע נאַכט... (פּויזע) מייטע — — האָסט דאָרט געקערט אין אייַנוועגס אַ בליק צו טהאָן צו מייַנע, ווי זיי שלאָפען...

מייטע: נישקשה, דאַרפסט מיך נישט לערנען. איך האָב זיי איבערגעלעגט צו מייַן קינד אין בעטעל. זיי איז געלעגען אַזוי אין עק... (שמייכלענדיג) איין דרעה, חלילה, קייַקעלט זי זיך אַראָב, ווי אַ באַרעלקעלע...

מינקע: און אברהמ'עלען מוז מען אויך געהן לעגען שלאָפען. אַ גאָלדען קינד... ווערה צו דער מאַמען... ווי ס'איז נעבעך אייַנגעשלאָפען... (געהט לאַנגזאַם מיט'ן קינד אויף זיך אין שטוב אַריין).

מייטע (פערנעהמט איהר אָרט):

די זעלבע (שפּעטער), די וועשין (דערנאָך), מינקע.

מייטע (קוקט זיך אַרום איבער'ן גאָרטען. כמעט ווי צו זיך אַליין): אַ מין שטיל-שווייַגען ס'איז עס אין דער הייַנטיגער נאַכט?!...

נ ע כ ע (אויך מיט אײַנגעטײַעפטע בליקן צו דער פֿאָרטקע) : וואָס איז ? . . .

מ י י ט ע (שטיל) : עפּיס רודערט דאָרט , דאַכט . . .
(בײדע הערן זיך אײַן מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, קוקנ־דיג צו דער פֿאָרטקע).

(אונטער׳ן פּלויט שלײַכט זיך אײַן דער־פֿינסטער אַ שטילע פֿיגור פֿון אַ מענש, דרעהט זיך און גראַבעלט עפּיס בײַ׳ם טהירעל. דאָס טהירעל עפֿענט זיך און די פֿיגור שלײַכט זיך אַרײַן אין גאָרטען לאַנגזאַם, קומענדיג צו דער וועראַנדע).

מ י י ט ע (איבערראַשט) : חטא טאָם ? !
נ ע כ ע (שפּרינגט אויף).

ד י פ י ג ו ר (שלײַכענדיג) : „דאָברי וועטשור !...” (בלײַבט שטעהן פֿאַר דער וועראַנדע, אַנ׳אַלטע, אײַנגעבויגענע, מיט אַ דערע אויפ׳ן קאָפּ, מיט אויסגעשטעלטע שטילע אויגען).

מ נ ק ע און נ ע כ ע : די וועשין ! . . . די וועשין ! . . .
נ ע כ ע (לאָזט זיך צוריק אַראָב אויף דעם באַנק, אָטעמט אָב. צו זיך אַליין) : צו איהר קאָפּ , צו איהרע הענד און פּיס . . .
מ י נ ק ע : זיץ , „פּאַניע” . . . (מאַכט איהר אָנ׳אָרט , געבען זיך).

וו ע ש י ן : דאַנק . . . דאַנק . . . (מיט אַ געלעכטעריל) די „פּאַניע” , זעה איך , האָט זיך דערשראָקען ? . . .
מ י י ט ע : דערשראָקען ? . . . וואָס עפּיס דערשראָקען ? . . .
נ ע כ ע : פֿון וואַנען „פּאַניע” , קומסט דו אַזוי שפּעט ? . . .
וו ע ש י ן (אַרויפֿקריכענדיג אויף דער וועראַנדע) : האָ , האָ . . . איהר ווייסט גאָרנישט , „פּאַניע” . . . (זעצט זיך) אונזער „שינשיאַד” , דער „גאָספּאָדאַרוש” זײַערער האָט דאָך הײַנט געמאַכט „כשטשי־נים” . . . האָב איך מיך דאָ צוגעקוקט אַ ביסעל דורכ׳ן פֿענס־טער . . . אַ שען ביסעל „פּיאַקים” האָט ער זיך דאָס פֿערבע־טען . . . ס׳גאַנצע דאָרף גנבים . . . (פּויזע) טאַק , טאַק . . . מאַזי זלאָטשי” . . . בײַ אַלע זענען שוין די פּנים׳ער אָנגעצונדען פֿון טרינקען . . . מען צולעגט אַזש די פֿאָדלאָגע — אַזוי האָפּעט מען ! . . .

מ ײַ נ ק ע (בעוועגט זיך אויף דער שטול, קוקט זיך שטיל איין): ווער איז עס... די וועשין?...

מ ײַ ט ע: די וועשין...

מ ײַ נ ק ע: עס האָט זיך מיר געדאַכטען, עפּעס אַזאַ אונבעקאַנט קול...

(פּויזע).

מ ײַ ט ע (צו דער וועשין): אַזוי פיל האָט מען אָנגעגרייט?...

וו ע ש י ן: נישט פון קיין ערליכקייט, מאַיא זלאַטאַ... (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

מ ײַ נ ק ע: און פּאַרוואָס, „פּאַניע", ביסט דו נישט דאָרט?...

וו ע ש י ן: איך?... עט — וואָס האָב איך נאָך דאָרט?... מען ווערט נאָך נישט רייך מיט אַ גלעזעל בראַנפען צי מיט אַ שטיק שטרינ!... נישט אמת, „פּאַניע"?...

מ ײַ ט ע (שאָקעלט איהר צו): אמת...

וו ע ש י ן: איך וועל אייך זאָגען, מאַיא זלאַטאַ... איך האָב מיך ליעבער בעסער מיט יודען גוט צו פערהאַלטען, ווי מיט אונזערע... וואָס זענען מיר אונזערע?... ווייסען זיך נאָר אַליין גוט אָנצופרעסען, אָנצוטרינקען... און מעהר נישט!...

נ ע כ ע (צו מינקען אויף יודיש): זי וועט מיר שוין דאָ היינט אָנהאַקען אַ קאָפּ — נו, נו...

מ ײַ ט ע: וואָס אַרט דיך... גוט ס'איז אַ ביסעל היימליכער...

וו ע ש י ן (קוקט אין די אויגען אַריין, קוקט אין די טעלער אַריין).

מ ײַ ט ע: איך זאָג, „פּאַניע"... אַז דו ביזט דאָ, איז אונז היימליכער...

וו ע ש י ן: „נאַטוראַלניע!..." (פּויזע). איך האָב גאָר פערגעסען צו דערצעהלען... וואָס מענשען דערצעהלען זיך און פון ביאַליסטאָק!...

מ ײַ נ ק ע און נ ע כ ע: וואָס? וואָס?

וועשין: וואס פרעגט איהר נאך?... (שאקעלט בעדויע־רענד מיט'ן קאפ). נישט נאר די חוליגאנים אליין האבען דאך גע־הרג'עט די יודען... דאס „וואויסקא" האט דאך אויך צוגע־האלפען... (פויזע).

וועשין (צו־שאקלענדיג מיט'ן קאפ): „טאק, טאק, מאאי זלאטשי..."

מינקע (אראבגעהענדיג פון דער שוועל נעהנטער צו דער וועשין): גלויב נישט „פאניע", וואס מענשען באטשקען דארט... דער קיסר וויל נישט, מען זאל שלאגען יודען... ווארום די אלע וואס שלאגען די יודען, קוקען שוין דערנאך די ליכטיגע שיין נישט אן... ווערען פערשיקט אויף אייביג...

וועשין: עט „פאניע" —— וואס דו רעדסט דארט... די זעלנער אליין, מיט די ביקסען, מיט די שטיקעס, האבען דער'הרג'עט!... און דער „צעסאריוש" אליין וויל דאס!... „בא וושיסטקי זשידזשי סאציאליסטשי סאן!..."

מיטע (טהוט א מאך מיט דער האנד צו מינקען): לאז שוין געמאך... טענה שוין בעסער נישט איין... (מאכט איהר אנ־ארט געבען זיך) זעץ דיך, מינקע...

מינקע (זעצט זיך).

(א דריקענד שווייגען).

וועשין: איהר ווייסט, מאאי זלאטשי... מען האט דאך אונז אויך געגעבען „פאזוואלענסטווא"...

אלע (האפען זיך אויף): וואס געגעבען?...

וועשין: פאליציי האט אונז געגעבען „פאזוואלענסטווא" אויף זעקס שעה...

מינקע: וועמען? —— די היעגע גוים?!...

וועשין: די היעגע... די היעגע... דאס גאנצע דארף!

מינקע (פערווארפט דעם קאפ צום אנלעהן, בעהאלט דאס פנים אין די הענד).

מ י ַ י ט ע און נ ע כ ע (קוקען זיך אן, ווי צומישטע, צו דער וועשין) :
און וואס זאגען זיי ?... די היעגע, וואס...

(פ ויזע).

וו ע ש י ן : מען זאגט דאך אבער, אז מען האט געפונען אונזערן א גע'הרג'עטען, וואס די יודען האבען איהם דער-הרג'עט אונטער דער סטאציע...

מ י ַ י ט ע און נ ע כ ע : וואס ? וואס ?

מ י נ ק ע : מיר יודען וועלען אנ'„איערן" הרג'ענען ?...

וו ע ש י ן : איך ווייס... אונזערע זאגען...

מ י נ ק ע : אבער דו „פאניע", זעהסט דאך... קומסט דאך צווישען יודען... ווען מען טהוען זיי פאר א שלעכטם ?...

וו ע ש י ן : „פראוודא"..., איך זאג זיי דאך, די פויע-רים... (פויזע).

מ י נ ק ע (צו נעכע'ן און צו מייטען, אויף יודיש) : אט אזוי, זעהט איהר, בעגראבט מען ס'ביסעל יודעלעך...

נ ע כ ע און מ י ַ י ט ע : א גאטס שטראף, א גאטס שטראף, איז אויף אונז אויסגעגאסען געווארען, מעהר ווי אויף דער גאנצער וועלט...

וו ע ש י ן (שטעלט זיך אויף, ציהט ארויס דאס פארטוך, מאכט זיך גלייך צום אוועקגעהן, צו מינקען) : איך האב דיך געוואלט עפיס בעטען, „פאניע"... צו דער וועש, וואס איך האלט אין מיטען אויסרייבען, פעהלט נאך צו זייף מ י ט ז א ד ע — זאלסט מיר געבען עפיס געלד, „פאניע", וואלט איך שוין אליין צוגעקויפט...

מ י נ ק ע : פאר וויפיעל פעהלט נאך צו ?..

וו ע ש י ן : פאר א גילדען אינגאנצען...

מ י נ ק ע (נעהמט ארויס פון קעשענע קליין געלד, בויגט זיך אן צו דער שיין, וואס שלאגט ארויס דורך דער אפענער טהיר, קלייבט און דער-לאנגט דער וועשין) :

וו ע ש י ן (נעהמט) : „טאק..." (קוקט זיך נאך ארום, בליקט אין שטוב ארײַן) ביי אייך איז דאך פארהאן א זייגער ?...

(צו אלע) אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט! (קריכט אַראָב פון דער וועראַנדע, צוהאַלטענדיג זיך ביי דער זייל. פערזינקט לאַנגזאַם אוועק אין דער פינסטערניש...)

מינקע: אַט האָבען מיר, זעהט איהר, געהאַט אַ צושמעלץ צו די צרות. מעגען מיר שוין מאַכען דאָס פעקיל אין שטאָדט אַריין...

מייטע: און אין שטאָדט ביזט דו זיכער?..

מינקע: שטאַרבט מען חאָטש צווישען אייגענע.

מייטע (זיפצט אָב).

געלע (אויך).

(פויזע)

געלע (ערוואַכט): וואָס האָט זי געוואָלט, די גויה?..

מינקע (אומעטיג): איך ווייס! אויף זאָרגע האָט זי געדאַרפען...

געלע: איז זי עקסטרע ביינאַכט געקומען? און וואָס איז זי געקראָכען אין שטוב אַריין?..

מינקע: אַ קוק טהאָן אויפ'ן זייגער.

געלע: און איהרע צוויי זיהן זענען די ערשטע גנבים. די ערשטע מעסער-שטעכער...

מייטע: טאַקי די ערשטע גנבים.

מינקע: נו, וואָס אַרט דאָס וועמען?..

געלע: גאַרנישט... נאָר צו וואָס האָט מען זי געדאַרפען אין שטוב אַריין, אַז זי זאָל אויסקוקען יעדערס ווינקעלע?..

(פויזע)

(אַלע דריי חאַפּען זיך פּלוצלונג אויף. אַ זייל ליכטיגקייט דרינגט אַריין אין גאָרטען פון אונטער'ן הויז אַפּער. עס הערען זיך שכור'ע קולות פון דאָרט מיט אַ געזאַנג):

„אוי-דאַ-נאַ, אוי-דאַ-נאַ"...

מינקע (מיט אויסגעשטעלטע אויגען. שטיל): וואס קען דאס זיין?..

מייטע: נעכע, גארנישט!.. גארנישט!..

מינקע: איהר הערט נישט... (וויל אויפשטעהן)

מייטע: געה נישט... דאס זענען דאך די געסט... אנגע׳שכור׳ט...

מינקע: אבער וואו קענען זיי געהן?..

נעכע (וויל אויך אויפשטעהן).

מינקע (שטיל): געה נישט... געה נישט...

מייטע: ווייסט איהר וואס... איך וועל אליין צוגעהן... (געהט צו צום פלויט, קוקט ארורך).

מינקע (נאך איהר): נו?..

נעכע: נו?..

מינקע (אנטקעגען זיי): גארנישט... גארנישט... ס׳איז נישט גארנישט... שכור, מוז זיין, זענען זיי ארום פאר דער טהיר מיט די לאמפען...

מייטע: אזוי ליכטיג... (בגויט צו דעם קאפ צו די שטארליי־טען, קוקט).

נעכע: וואס טהוען זיי?...

מינקע (וויל ארויפקריכען).

מייטע (ציהט זי צוריק): וואס קוקט איהר? ס׳איז גאר־נישט... זיי זענען ארום פאר דער טהיר מיט די לאמפען אין די הענד...

מינקע: מייטע, זעה נאר... זיי לויפען עפעס ארום... ארום די לאמפען...

מייטע: נו וואס אי? די שיקסעס לייכטען צו... שכור — לויפען זיי!.. קומט צוריק, קומט... לאמיר זיך זעצען... (ציהט זיי צוריק אוועק אויף דער ווערענדע, זעצען זיך).

(דאס געזאנג און די קולות הערען נישט אויף, און זיי הערען זיך איין, קוקענדיג איבער׳ן פלויט, מיט שטילע פערטיעפטע געזיכטער).

(עס דערהערט זיך א שארך אין גארטען. אלע דריי קוקען זיך האסטיג אום, צווישען די בוימלעך נעבען צווייטען שכנ׳ישען גארטען רודערט זיך עפיס א פיגור אין דער־פינסטער).

מינטע (קוקענדיג אַמאָל אויף מינקען, אַמאָל צווישען די בוימער, שטיל): וואָס קען דאָס זיין ?...

נעכע (נאָך שטילער): דאָרט... דאָרט...

מינקע: גאָרנישט... מן הסתם רודערט עפּיס...

די פיגור: (גיט זיך אַ האַסטיגען רודער. וואַקסט פּלוצלונג אויס העכער צווישען די בוימלעך).

אַלע דריי (אונרוהיג): כּטאָ טאַם ?... כּטאָ טאַם ?!..

די פיגור (פון צווישען די בוימער): יאַ!..

אַלע דריי (צורודערט. הויבען זיך און זעצען זיך צוריק): פּאַן סטאַניסלאַוו!!

סטאַניסלאַוו (קומט לאַנגזאַם צו דער וועראַנדע): גוט אָוועַנד!..

אַלע דריי: גוט אָווענד! גוט אָווענד, פּאַן סטאַניסלאַוו!

מינקע: זיץ, פריץ! (מאַכט איהם אַן אָרט נעבען זיך).

(די קולות ווערען ביסלעכווייז פערשטומט).

סטאַניסלאַוו: דאַנק! (זעצט זיך). וואָס זיצט איהר היינט אַזוי לאַנג? עס שלעפערט אייך נישט?

מינקע: ווייסט נישט, פריץ — מען זיצט — זיצט מען...

מינטע: וואָס הערט זיך, פריץ?...

סטאַניסלאַוו: אַלטע „ביעדע".

נעכע: אונזער גאַספּאָדאַרוש מאַכט היינט כּטשינים...

סטאַניסלאַוו: איך ווייס.

מינקע: פריץ, עס קען נישט דערפון עפּעס אַרויסקומען ?..

סטאַניסלאַוו: וואָס?

מינקע: איך ווייס?.. זיי זענען דאָך שכור... ביי דעם „גאַספּאָדאַרוש" מיין איך...

סטאַניסלאַוו: נו, איז וואָס?...

מינקע (פערשווייגט. קוקט זיך איין איבער'ן פּלויט): מען הערט זיי שוין ניט... (צו סטאַניסלאַוו'ן) וואָס דאַ האָט זיך אָבגעטהאָן!... פריץ... עס קען נישט אַמאָל אַרויסקומען אַ געשלעג צווישען זיי?..

סטאַניסלאַוו: עט — נאַרישקייט!..

מינקע: פריץ... וואָס איז געשעהן, עפּיס נייעס זאָגט

מען, בײַ דער סטאַנציע — דו האָסט נישט געהערט פּריץ?...

סטאַניסלאַוו: נײַן, גאָרנישט געהערט...

מינקע: די וועשין איז דאָ פריִהער געווען —

מיטע (טהוט מינקע'ן אַ ציה בײַם אַקסעל, שטיל): וואָס ווילסטו?!...

מינקע: (בלײַבט אָבגעהאַקט).

סטאַניסלאַוו (קוקט זיי אָן): וואָס?...

מיטע: גאָרנישט... גאָרנישט... זי האָט נאָר אַ טבע צו פרעגען — — (צו נעכע'ן) פון וואַנען ווייסט דער פּריץ?!... נאָר זי פּרעגט!

סטאַניסלאַוו: איך ווייס טאַקי נישט... נאָר עפּיס האָב איך אויך געהערט הײַנט... איך בין פאַרבײַגעגאַנגען פאַר אַ ווילע, האָב איך געזעהן ווי „אונזערס", אַנ'אַלטע שוין... וואָס געהט אַרום בעטלען צווישען די „ליעטניקעס" — האָב איך געזעהן, ווי זי האָט גערופען אַ „זשידאָווקע", עפּיס אַ פּאַניע אײַנע... שטילערהייד מיט'ן פינגער האָט זי צו איהר געוואונקען... האָב איך געהערט, ווי זי זאָגט איהר, אַז די יודען זאָלען זיך היטען מאָרגענדיגען טאָג...

אַלע דרײַ: פּריץ! וואָס רעדסטו?...

סטאַניסלאַוו: „נאָ טעגאָ ניע בענדזשע"!...

מיטע און נעכע: פּריץ, גלויב נישט!.. גלויב נישט!.. דאָס איז אויסגעטראַכט!

סטאַניסלאַוו: וואָס דען... אַלץ איז אויסגעטראַכט...

מיטע און נעכע (קוקען זיך שטום אָן).

סטאַניסלאַוו (קוקט זיך אום איבער'ן גאָרטען): „טשאָם ספּאַטש".

מיטע (וועקט מינקע'ן): מינקע... מינקע... וועלען מיר אויך געהן שלאָפען...

סטאַניסלאַוו (צו מיטע'ן): איהר געהט שוין אויך שלאָפען! (שטעלט זיך אויף) אפשר, פּאַני, האָסטו אַ רובל, ביז מאָרגען... אָדער, אַז נישט, וועסטו דיר אָברעכענען בײַ מײַן ווײַב אויף די מילך...

מ׳ייטע: איך האָב ... (דערלאַנגט איהם אַ רובל).

סטאַניסלאַוו (דריקט איהר די האַנד, נעכע׳ן און מינקע׳ן אויך): אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט!... (פערשווינדט).

(לאַנגע פויזע).

מינקע (שטעהט לאַנגזאַם אויף, לאָזט זיך געהן פון די וועראַנ־דע־טרעפליך).

מ׳ייטע (קוקט איהר נאָך): מינקע... וואוהין געהסטו?...

מינקע (פערשוויינט. ציהט איהר וועגס צום ווינקעל פלויט, פון וואַנען די קולות האָבען זיך פריהער געהערט).

נעכע: רבונו־של־עולם... (שטעהט אויף).

מ׳ייטע (לאָזט זיך אויך אַראָב פון די וועראַנדע־טרעפּלעך נאָך מינ־קע׳ן. ביטער): מינקע!.. לאָז דיך שוין בעגניגען היינטיגע נאַכט... קום שוין שלאָפען...

מינקע (שוואַך): איך געה שוין...

מ׳ייטע (ציהט זי צוריק).

נעכע (איז אַליין אויף דער וועראַנדע, געהט דערווייל אַראָב. פער־מאַכט די לאָדען. אין גאָרטען ווערט איינגאַנצען פינסטער. מינקע און מ׳ייטע קעהרען זיך דערווייל צוריק אום אויף דער וועראַנדע, זעצען זיך פאַר דער שוועל פון דער אָפענער טהיר. עס קומט צו נעכע פון די לאָדענס פערמאַכען).

נעכע: נו, וואָס זענט איהר דאָרט געשטאַנען?...

מ׳ייטע: גאָרנישט... ס'איז שטיל...

נעכע (שטיל): מען הערט זיי שוין נישט?...

מ׳ייטע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין...

מ׳ייטע און נעכע (געהען באַלד אַריין אין שטוב).

מינקע (בלייבט אַליין, קעגען דער שוועל פון דער אָפענער טהיר ועהט מען איהר געזיכט. זיצט פערזונקען, שטאַרק בלאַס).

מינקע (שפּעטער) מ׳ייטע (שוין האַלב אויסגעטהאָן. אין דער אָפענער טהיר).

מינקע (ויפצט שטיל אָב, שטעלט זיך אויף אַריינצוגעהן אין

שטוב, ווארפט נאָך אָבער אַ בליק צום ווינקעל פלויט, שלאָגט זיך מיט דער דעה, לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָב פון די טרעפליך. קוקט. שטעהט אַ ווײַלע... קעהרט זיך אום און וויל שוין צוריק געהן: בעמערקט זי עפּעס ווייסעס צווישען די בוימער. שטיל): דאָס קישען!... (געהט צו, הויבט עס אויף און וויל שוין צוריק געהן, בלײַבט אָבער נאָך שטעהן... בעמערקט דעם שטריק פון דער הושטאַווקע, לאָזט זי אַרויס דאָס קישען פון דער האַנד. בינדט אָפּ דעם שטריק פון צווישען די בוימער. שטעהט אַ מינוט אין פערלעגענהײַט. געהט צו צום פלויט און וואַרפט איהם אַריבער, בלײַבט אָבער ווײַטער שטעהן, קוקט זיך אײַן, און געהט אַרויס דורך דער פורטקע. קומט באַלד צוריק מיט מיט דעם שטריק אין דער האַנד און וואַרפט איהם אין דעם ברונעם אַרײַן... אַצינד נעהמט זי דאָס קישען, געהט אויף דער וועראַנדע. זי דערזעהט ווײַט אין וואַלד רוקט זיך אַ פלעמעל פײַער, ווי עמיצער מיט אַ לאַמ-טערן. זי קריכט אַרויף אויף דער באַנק פון דער וועראַנדע מיט דעם קישען אין דער האַנד, פעררײַסט דעם קאָפּ און קוקט נאָך מיט שרעקליך אויסגעשטעלטע אויגען).

מיטע (שוין אין שלאָף-קליידעל און באָרוועס בעווײַזט זיך אויף דער שוועל אין דער אָפענער טהיר. דערזעהט מינקע'ן מיט שרעק): מינקע!...

מינקע (טהוט אַ ציטער).

מיטע: מינקע וואָס טהוסט דו?...

מינקע (קומט צו זיך, קריכט אַראָב פון דער באַנק, ווי פערשעמט): גאָרנישט...

מיטע (רוקט זיך אַרויס אויף דער וועראַנדע, קוקט אויך): עמיצער מוז זײַן — מיט פײַער..

מינקע (אַלץ קוקענדיג נאָך דעם פלעמעל אין וואַלד, וואָס פער-שווינדט אויף אַ רגע און שווימט ווידער אַרויס צווישען די בוימער): ווער קען דאָס זײַן?...

מיטע (ציהט זי בײַם קלייד): קום, מינקע, קום שלאָ-פען... די קינדער וועלען זיך אויפכאַפּען...

מינקע (אַלץ נאָך קוקענדיג): באַלד... מײַטע... (קוקט ביז דאָס פײַעריל פערשווינדט אינגאַנצען, וועקט זיך): מײַטע — אַ וואַלד קען מען אונטערצינדען?...

מ י ּ ט ע (קוקט זי אָן פערוואונדערט) : אַ וואַלד ? . . .

מ י נ ק ע : יאָ, אַ וואַלד . . . אַז אַ וואַלד ברענט . . . (בלייבט איבערגעהאַקט) .

מ י ּ ט ע : נו , וואָס ? . . .

מ י נ ק ע : קען מען שוין נישט אַרויס מיט׳ן לעבען . . . בוימער אין אַלע זייטען , און דער פלאַם . . .

מ י ּ ט ע (אָנשרייענדיג) : נו , וואָס אַ מענש האָט אַלץ אין זינען ? . . . קום שוין בעסער אַריין שלאָפען — קום, די קינדער וועלען זיך צעוויינען .

מ י נ ק ע (לאָזט צוריק אַראָב דעם קאָפּ, געהט נאָך מיט דעם קישען נאָך מייטע׳ן אין שטוב אַריין) .

(באַלד פערמאַכט זיך די טהיר , אַרום און אַרום ווערט שטאַרק פינסטער, נאָר דורך דער לאַנגער שמאָלער שפּאַרע פון דער טהיר פאַלט אַרויס אַ דין ליכטיג פּאַסיקעל איבער דער וועראַנ- דע , אויסציהענדיג זיך אין גאָרטען אַריין) .

(אַ טיעפע שטילקייט . פון אינעווייניג הויבט זיך אָן צו הערען אַ וויגען פון אַ וויגעל און אַ ליעדעל פון אַ קינד איינ- שלעפערן) .

(דער פאָרהאַנג פאַלט זעהר לאַנגזאַם , ווערענד עס הערט זיך דאָס ליעדעל מיט אַ טרויעריגער מוטערליכער שטים) .

שלאָף , מיין קינד ,
מיין טייערינקע פויגעלע ,
שלאָף אין דיינעם רוה .
שלאָף , מיין פויגעלע ,
מאַך שוין צו דאָס אויגעלע ,
שלאָף ביז אין דער-פריה .
אַז דו וועסט אַרויס פון וויעג ,
איז דאָ אַרבייט גענוג
שוין אָנגעגרייט פון איצינד ,
שלאָף , מיין פויגעלע —

מאך שוין צו דאָס אויגעלע,
שלאָ־זשע פריש און געזונד".

(דער פאָרהאַנג פאַלט די רעשט. עס הערט זיך נאָר שוואַך די בלויזע מעלאָדיע, די ווערטער— נישט, ביז דאָס קול ווערט אינגאַנצען פערזונקען אין שטילקייט).

* *

*

און געלאָפען בין איך געררייצט אין די גאסען.
געבלוט — ווי א חיה געשאָסענערהייד —
ווי א שד, פאַר אַ קלאַפּ פון אַ דונער
צווישען די וואָלקענס פערוואָגעלטערהייד,
און ווי נאָר מיין עלענדער בליק איז געפאַלען,
אויף אַלץ, וואָס געוועזן איז אַרום,
האָב איך נאָר אַ תוהו-ובהו געזעהן.
פינסטער און חרוב און שטום,
די בערג, די פריַיע, און טהאָלען, די גרינע,
האָב איך זיי פערלאָזט, ווי אַנ'אינר אַנטלויפט.
די ליכטיגע הימלען און ברייטעסטע וועלטען
האָב איך פאַר אַ בליק פון אַ מיידעל פערקויפט.
און וויסט איז געוואָרען אַרום אויף די בערג —
פערשטומט ווי אַ שלאַכט-פעלד, ווען צוריקקעהרט
דער פיינד.
אויף זיי הענגט דער נעבעל, ווי אַנ'אייביגער צער —
אַ קיהלקייט עס בלאָזט פון זיי הייַנט!..
און קוק איך אַריין אין דער טיעף פון מיין האַרץ,
דערזעה איך אַנ'אָפּגרונד אַ לעערען.

און פערהילט טרויער, אין מײַן ווי אין אַ מאַנטעל אַ שוואַרצען
זיץ איך אויף אַ חורבה געזונקען דעם קאָפּ דעם שווערען.
איך זיץ און דערמאָן די פערגאַנגענע טעג,
ווען אויפ'ן אָרט פון דער חורבה איז מײַן היכל געשטאַנען.
די טעג, ווען איך האָב מיר אַ גאָט דאָ געשטעלט
און געגלויבט, אַז ער איז אויך פאַרהאַנען...
איך האָב פון מײַן גאָט נישט געבעטען לאַנג לעבען —
אײן גליקליכע רגע, אויב זי איז נאָר פאַרהאַן אויף דער וועלט.
און אין ברענענדען צווײַפעל אין טיעפער פעראַכטונג צום לעבען,
האָבען מײַנע פערלאַנגען, ווי בלעטער אין הערבסט פערגעלט.
נאָר הײַנט איז מײַן טעמפעל פערברענט,
די שטײַנער די שוואַרצע צופיהרט.
איך האָב מײַן גאָט געטויט מיט מײַנע אײגענע הענר,
און טיעף אין דעם האַרץ פריהרט...
אַ שרעקליכער טאָג איז געקומען —
פון צאָרן און שרעקען צוזאַמען —
מײַן טעמפעל איז פערהילט אין אַ רויכיגער ווײַל
און פלאַקערט אין רויטע צעוואָרפענע פלאַמען.
און איך האָב גישט געקוקט אין דער צאָרנדיגער רגע
אויף דעם בראָך פון מײַן האַרץ אַלײן —
מײַן האַנד האָט פון טעמפעל געריסען
דעם ערשטען פער'שרפ'עטען שטײן.
און פערהילט איז דער הימעל געוואָרען אין רויך און אין פלאַמען.

עס טראָגען זיך פונקען אויף די פליגלען פון ווינד,
און א קופּע פון קויל־שווארצע שטיינער, דאס איז
מיר געבליבען.
און א טרער, א פערגליווערטע, הענגט אויף מיין
ברעם ביז אצינד.
און דערהויב איך מיין בליק אויף די ארומיגע
בערג,
ווי פערגליווערט זיי שטעהען און שטום,
פאל איך צווישען דער חורבה
און עס ברעכט אוים מיין זיפץ אויף דער לעהר־
קייט ארום.

* *
*

און אפילו ווען מיין הארץ
וועט זיין שוין אויסגענאַגט
פון שטילען צער,
פון טיפען בענקעניש,
און אָבגעשטעלט וועט זיין זיין קלאַפּען,
און אָבגעווישט זיין יעדער איינציגער פערלאַנג —
אויך דעמאָלט וועל איך נישט קיין רוה געפינען,
וואו די שאָטען וועלען בלאָנדזשען
אויף וויסטע בערג,
צווישען טאָג און נאַכט,
ווען די זון פערגעהט,
דאָרט וועט אויך מיין שאָטען בלאָנדזשען,
און מיין לעצטער הויך
וועט אין לופטען הענגען
אין אַ שטילער נאַכט.

אין הערבסט.

אײַנזאם זיץ איך אויף א שטײַן,
שטיל און לעער אין אין פעלד,
און פערטראַכט מיט זיך אַלײַן
קוק איך אין דער ווײַטער וועלט.
וואָלקענס קריכען פויל און ציהען —
גאַנצע בערג גרויער שימעל,
פײַל פון בויגען פויגעל פליהען,
שטום, דערשראָקען פאַר דעם הימעל
און א קעלטליך ווינדטעל שנײַדט,
שמײַסט מיט קעלט,
פליקט די בוימער און פערשפרײַט
געלע בלעטער אויף דעם פעלד.
אײַנזאם זיץ איך אויף א שטײַן,
שטיל און לעער איז אין פעלד,
און פערטראַכט מיט זיך אַלײַן —
קוק איך אין דער ווײַטער וועלט.

* *

*

דאָס פּנים בלאַס ווי קרייד,
די אויגען פֿײַכט און שטום,
שטעהט זי שטיל, פֿערטראַכט,
אין גאָרטען ביי אַ בלום.
„די בלעטלעך דאַרען דיר,
דאָס שטענגעל אָנגעזענגט —
האָט דיך אַ שטראַהל געקושט,
און האָט ער דיך פֿערברענט?!“